Юрьевская Еврейская
Библіотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№

# לא תרצח

שוחט השור מכה איש
(ישעיה ס"ו 3).

## איין אבהאנדלונג איבער „וועגעטאריאניזם".

איבערזעצט פאן זיין ווערק אין ענגליש

— ביי —

Юрьевская Еврейская
Библіотека имени
Д-ра Я. А. Эйгеса
№

## א. ה. פריינקעל

AUTHOR OF

"THOU SHALT NOT KILL" — a treatise on vegetarianism.

"IN GOLD WE TRUST" — a tale of the Ghetto, etc.

— BY —

A. H. FRANKEL.

פרייז 10 סענט

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ,

398. גרענד סטריט, ניו יארק

Copyrighted 1899 by A. H. Frankel.
All right reseved.

לייגט ניט אפּ אויף שפּעטער!

קויפט, לעזט און שטודירט

# דיא

# אידישע געשיכטע

## און ווייסט ווער איהר זייט
## און פון וואנען איהר שטאמט

## דאס איז א ווערק פון אלע
## אידען פיר אללע אידען.

### איהר דארפט וויסען אז

דיא „אידישע געשיכטע“ בעאַרבייטעט נאך פּראפעסאר גרעטץ און נאך דיא בעסטע און זיכערסטע קוועלען פון דעם גרויסען אידישען געלעהרטען און היסטאריקער

## פּ. ווערניק

אין דיא איינציגע אידישע געשיכטע וועלכע איז געשריעבען אין א פרייע לאנד, אין א לייכטע פערשטענדליכע שפּראכע.

קאמפּליט אין איין באנד, עקסטרא פיין געבונדען

### פּרייז בלויז 1 דאללאר.

פערלאג פון

ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

Biblioteca Universitatii Timisoara
1942.1850
4-UTA
3875

Для изученія еврейской исторіи и литерат. Общества *
Библіотека академическ. ферейна

# פאררעדע.

א ווערק איבער „וועגעטעריעניזם" * איז געגענווערטיג א זאך אין דער צייט. דיא פראגע פון „מה־נאכל" איז אפילו א פראגע וואס פעראינטערעסירט מענשען בכל דור ודור — אין יעדער צייט, דאך איז עס אין קיין צייט פון דער היסטאָריע דער מענשהייט ניט געוועזען אזוי נעטהיג דיעזע וויכטיגע פראגע ברייטלאך צו פערהאנדלען וויא יעצט ווען דיא וועלט איז אָנגעפיללט מיט חמס; ווען דיא מענשהייט איז אזוי שרעקליך אונטערוואָרפען צו אללערלייא פערשיעדענע קראַנקהייטען וועלכע פערמעהרען זיך פון טאָג צו טאָג; און ווען אונזער מאטעריעלישע לאגע איז געוואָרען אזוי שלעכט דאס עס איז אונמעגליך אויסצוהאלטען. אין קיין צייט איז דיא מענשהייט ניט געוועזען אזוי אלגעמיין פערקניפּעלט אין קנעכטשאפט וויא יעצט. אום אונזערע פיעלפאכינע פאָרדערונגען צו בעזאָרגען, ווערען מיר הייטע אזוי געפלאגט, אונטערדריקט אויף אונגעפעהר דעם זעלבען ארט, וויא אונזערע עלטערן אין מצרים.

אזא צושטאנד וואָלט אבער ניעמאלס עקזיסטירט פאלס מיר וואָלטען זיך געפיהרט ריכטיג לויט דיא געזעצע פון דער נאטור. אויס דער נאטור זיינען דיא פאָרדערונגען פון מענשען איינפאך און פראָסט. עס איז אבזאָלוט ניט נעטהיג פאר'ן מענשען אָבצופינסטערן זיינע יאָהרען אום דיעזע פאָרדערונגען צו ערווערבען. עס זיינען דיא מותרות וואס פערקירצען דיא יאָהרען. דיא איבעריגע פערלאנגונגען זיינען פעראנטוואָרטליך וואס דער מענש פון היינטיגע צייט איז קרייגקליך, ערגערליך

* „וועגעטעריאניזם" איז א וואָרט וואס בעצייכענט דיא אָרט לעהרע פון צו לעבען אויף צמחים, פלייש און פיש און אלעס וואס האט געהאט פריהער אין זיך אַ געפיהלפאָללען לעבען איז שטרענג פערבאטען לויט דיעזע לעהרע. אין העברעאיש גיבט קיין ווארט וואס זאל אויסדריקען דיא בעדייטונג פון דיעזען ווארט. אבוואהל דאס ערשטע געבאט צום מענשען דאס ער זאלל לעבען וועגעטעריאניש געפינט זיך באלד אין דעם ערשטען קאפיטעל פון דער תורה. (בראשית א. 29.)

און דערפאר וואס ער איז געווארען א קנעכט מיט אלע קנעכט צוגלייך — א וואש־גויע, אלעמען צו בעדיענען און אויסצופיהרען זייער רצון.

נור אונזער איינענעם פיהרונג האבען מיר צו פערדאנקען פאר אונזער צו־שטאנד. דערפאר וואס מיר לעבען גראדע קאפויר וויא דיא נאטור פארדערט און פאלגען ניט וואס דער שכל הייסט זאנדערן וואס דיא תאוה דיקטירט, האבען מיר ארויף געשלעפט אויף זיך אללערלייא צרות. צוליעב זאגענאנטע פערגניגענדען וועלכע דויערן בלויז מינוטען און וואס ברייננען ענדליך אין זייער שפור נור קראנקהייט און בעדויערן, אפפערט דער מענש פון היינט אלעס וואס דארף זיין בייא איהם טהייער, דערפאר איז א נוטער, געזונדער און צופריעדענער צושטאנד ווייט פון איהם.

בייא אונז אליין ליעגט דיא ברירה וויא צו לעבען אנגענעהם אדער מיזערא־בעל. מיר קענען בייא זיך קראנקהייט איינלאדען אדער עם פערטרייבען, מיר קענען פערקירצען אונזערע יאהרען אדער עם פערלעננערן. אלעס װענדעט זיך אבער בלויז אן אונזערע פיהרונג, און דיא הויפט זאך איז נור דער ארט שפייז פון וועלכע מיר ציהען אונזער חיונה.

דער ארט עסען ווירקט מערקווירדיג אויף אונזערע חושים. איידעלע שפייז קען מאכען פון א מענשען א יזן אדעלמאן, דאגעגען פערצוקענדע שפייז קען איינעם ברענ־נען צו דעם צושטאנד פון א חיה־טורפת אין שטיװעל. ניעמאנד וועט דיעזע בע־הויפטונג וואגען צו פערלייקענען, וויל דאס איז א פ קט געבויט אויף דיא ער־פאהרונג וואס דיא וויססענשאפט און דיא פערשיעדענע פראבירונגען וואס מען האט געמאכט, האבען בעוויזען. און ביז דיא צייט ווען מענשען וועלען ניט וועלען פער־שטעהען דיא וויכטיגקייט פון איידעלע שפייז, קענען אפילו קומען כל מלכי מזרח ומעריב און אלערלייא "איסטען" און מיט נוואלד צווינגען דיא מענשליכע גע־זעללשאפט אנצונעהמען פערשיעדענע רעפארמס אום זייער לאגע צו פערבעססערן און עס וועט זייא ניט געלינגען. משה רבינו — דער געטטליכער מחוקק, האט עס דער ערשטער פערשטאנען, דערפאר גיבט זיך דיא תורה אב אזוי פיעל מיט דער פראגע וואס מען דארף עסען און וואס מען דארף ניט. אונד דאדורך וואס אידען האבען דיעזע געזעצע אבגעהיט אזוי לאנג, לעבען זייא טאקע לענגער, זיינען פיעל עדעלער, מעהר מאראליש געזאנען, האבען בעסערע קעפ בעזיצען מעהר רחמנות און צייכענען זיך אויס אין אלגעמיין מיט אלע גוטע אייגענשאפטען בעססער וויא אלע אנדערע פעלקער אויף דער וועלט.

איידעלע שפייז ווירקט אויף דיא חושים און פעהינקייטען פון מענשען אויף א בעזאנדערן ארט. "דער מענש איזט וואס ער איסט" איז א זעהר ריכטיגער

שפריכ־ווארט. צייג מיר וואס איינער עסט און טרינקט וועל איך דיר זאגען וואס פאר א מענש ער איז. איך גלויב ניט אויב דער וואס לעבט אב כל ימיו אויף בלוטינע ביף־סטייק, זאל קענען האבען א געגויען בעגריף צו פער־שטעהען דעם ריכטיגען אונטערשיעד צווישען רעכט און אונרעכט, וואס איי־דעלעס איזט, וואס דיא מאראל אונד עסטעטיק פארדערען אדער וואס רע־ליגיאן הייסט. דיעזע אלע זאכען זיינען פאר איהם וויא פאר א ליטווישען פויער שאקאלאדע — צו איידעל. אונד וואס אנבעלאנגט זיין פהיזישען צושטאנד קען עס ניעמאלס זיין אין א נוטער ארדנונג. אין זיין איילענעס, אין דער יאגד נאך דער תאוה, פערנעצט געוועהנליך אזא מענש צו בעוואהרען זיינע חושים און פעהינקייטען אין א געזונדען צושטאנד און ווען ער גרייכט שוין אפילו א הויבע עלטער, איז עס געוועהנליך צוזאמענגעמישט מיט שוואכקייט, מיט קראנקהייט, מיט הילף־לאזינקייט; און דער סוף איז, דאס אנשטאט וואס ער האט געקענט לעבען גליקליך און צופרי־דען פון זיין לעבען, און צו דער זעלבער צייט זיין א ניצליכער מיטגליעד פון דער מענשליכער געזעלשאפט, ווערט ער פאר זיך און פאר אלעמען א לאסט — א אנ־שיקענעס פון זיין ליעבען נאמען, און עס ווערט עפעס נטרויטער און בעקוועמליכער אז מען ווערט ענדליך לויז פון איהם.

אונד נאך אלעמען איז דאך דאס פלייש־עססען בלויז א געוואהנהייט — א אונגליקליכע געוואהנהייט. דער מענש איז ניט געבארען צו עססען געמארדעטע שפייז. קענט איהר זיך ווער פארשטעלען דאס דער ערשטער מענש איז געבארען געווארען אין א שלאכטהויז? — אין גן־עדן אין א פראכטפאללען גארטען, איז גע־ווען דיא ערשטע היים פון מענשען און איידעלע פרוכט איז געווען זיין ערסטע שפייז. און זאגאר דיא בייבי וואס ווערט היינט געבארען, קען מען עס דען קארמענען מיט געשמארטע־לעבער און געפילטע פיש? דיא ערשטע נייגונג וואס א קינד האט איז נור צו פרוכט און צו אנגענעהמע זאכען וואס זיינען גוט צו עססען און וואס האבען א רייץ פאר דיא אויגען. עס איז יעצט דאן ווען דאס קינד ווערט איינגעוואהנט צו גראבע שפייז און עס פערדארבט דאדורך זיין איידעלען געשמאק דאס ער ווערט דערצו צוגעוואהנט, אונד „זאל מען ניט געפרובירט ווערען צו וואס מען קען גע־וואהנט ווערען" זאגט א זעהר אמת׳ער שפריכ־ווארט.

מענשען זיינען לײדער צו דיא גרויזאמע שפייז געווארען צוגעוואהנט. זייא עסען דאס פון געוואהנהייט, אהנע ווענען דעם א טראכט צו טהאן. פרובירט אבער א קלעהר טהאן אויף א ווײלע און בעטראכטעט וואס איהר טהוט ווען איהר עסט דעם צונג, דעם לעבער, דיא פיס פון א אונגליקליך־געמערדערטע בהמה. אויף

וועלכע אייער אינסטינקט דיקטירט אייך רחמנות צו האבען, און איהר מוזט ניט ווילענדיג א שוידער טהאָן.

איהר טראכט אבער ניט און אזוי געהט עס כסדר א דור נאך א דור, און וואס ווייטער וועט עס אללעס פאללען שווערער און שווערער איבער צו ארבייטען איין אָרדנונג וואס אנבעלאנגט דיא פראגע פון עססען. דאמאלס ווען עס קומט צו דער פראגע פון דער אכילה, קען מען שוין זאָגאר צייגען דיא בעסטע בעווייזע, דיא שטארקסטע פאקטען דאס א געוויסע זאָרט שפייז איז שעדליך וועט אלץ א שטארקער אפעטיט און א געשמאקער ביסען אריבער ווענען אלע ארגומענטען און וועט זיעגען. "עס איז שווער צו רעדען מיט א מאָגען, ווארום עס האָט קיינע אויערן" האט א מאָל א פהילאָזאָף געזאגט. נור דאך האָף איך דאס צווישען אחינו בני ישראל געפינען זיך נאך מענשען, שטארק געגוג אין כאראקטער, דיעזע אונגליקליכע געוואָהנהייט פון פלייש עסען צו פערבייגען.

ברעכט אב דיעזע געוואָהנהייט און לאָזט איבער פאר פערצוקענדע חיות און עקעלהאפטע שרצים דאס זייא זאָלען עסען פלייש און טרינקען בלוט, פאר אונז מענשען אבער, וועלכע זיינען געבאָרען בצלמו בצלם אלהים, פאסט ניט זיך אויפצופיהרען וויא טיגערס. געוואָהנט זיך אב און בעשמוצט ניט דעם שכל, דיא עדעלקייט און נאָבעלקייט מיט בלוט. מערדעט ניט און ברעננט ניט ארויף שמערצע, אויף אונשולדינע בעשעפעניססע וועלכע איהר דארפט אייגענטליך נאר בעשיצען און ניט קוילענען און אויפעסען.

מיט דער האָפפנונג דאס דיא לעזער וועלען ענדליך איינזעהן דעם אמת פון דיא לעהרע וואס איך שרייב דאָ פאָר און וועלען אויסקלייבען דיא וועג פון ליכטיגקייט און וואהרהייט, וואו אונערבארמליכקייט איז אונבעקאַנט און וואו קראנקהייט און ארמוטה איז אונבעוואוסט, פערבלייב איך, מיט דעם בעסטען וואונש פאר א בעסערען צושטאנד פון דער אלגעמיינער מענשהייט.

דער פּערפּאסער.

# דיא פילאזאפיע פון רחמנות.

## א בריעף פון מיין פריינד דעם „ל י ט װ י ש ע ן פ י ל אָ ז אָ ף“ װעגען װעגעטאריאניזם

ידידי יקירי א. ה. פריינקעל:

איהר טהיילט מיר מיט אז איהר גערהט ארויסגעבען יעצט דיא אידישע איבער־זעצונג פון אייער ענגלישעס װערק “Thou Shalt Not Kill” (לא תרצח) אום צו בעװייזען אין אונזער מוטער־שפראך דיא פילאָזאָפיע פון דיא װעגעטעריא־נער. עס איז קיין צווייפעל אז אייך קומט דעם טיעפסטען דאנק פון אלע זשארגאָן לעזער פאר אזא עדעלע אונטערנעהמונג.

איהר ווייסט גאנץ גוט, פריינד, אז איך בין קיין פראקטישער װעגעטעריא־נער, וויא איהר, און איך פיטער זיך, וויא איהר רופט עס, אויף „בר מנן.“ איך בין אבער אויך ניעמאלס געווען א געגנער, פון דיזע לעהרע וואס פרעדיגט דיא העכסטע מדרגה פון רחמנות, געזונדהייט, יושר, ליכט, פאעזיע און ריינליכטקייט!

מיט פיער יאָהר צוריק, ווען איך בין געווען דער רעדאקטער פון מיין „אידי־שען אדלער“ אין באָסטאָן, האבען דאן אייערע ארטיקלען װעגען װעגעטאריאניזם געמאכט א שטורם צווישען אלע קלאסען אידישע לעזער. אין אייער טהעמא האָט אנגעריהרט דיא סטרונע פון אידען׳ס הארץ. אייער יעצטיגע װערק וועט געווים גע־פינען איין עהנליכען ווידער־קול אין דער זעלע פון יעדען זשארגאָן־לעזער.

און ווארום זאָלען אידען ניט שעטצען דאס וואָס איהר פרעדיגט אין אייער װערק? דאָרט אין דיא בריליאנטענע שורות פון יענעם ביכעלע אין װעלכען עס שפי־געלט זיך אב עד היום דיא עדעלסטע געפיהלען, דיא עהרליכסטע מאָראל און דיא געפינעלטע געדאנקען פון שרפים־לאנד — אין יענעם בוך, דער אלבום פון אלהים צבאות, האט מען פאר אונז געלעגט דעם פונדאמענט פון ציוויליזאציאָן מיט דעם בעפעהל ל א ת ר צ ח!

לא תרצח — זאָלסט ניט בערויבען דאס לעבען פון אלעס וואס לעבט — אזוי ערקלערען הייטע דיא וועגעטאריאנער דעם פסוק פון צווייא ווערטער, דיא זעקס בוכשטאבען וואס האבען אמאל אבגעהילכט דאָרט אין דיא שטילע וויסטענעס צווישען מצרים און אשור.

דיא מענשהייט איז נאָך צו יונג צו לעזען און צו פערשטעהן דיא וועגעטא־ריאנער איבערזעצונג פון „לא תרצח" און ווער ווייסט וויא לאנג עס וועט נאָך דויערן ביז דיא ציוויליזאציאָן וועט אָנפאנגען בעגרייפען יענע בריליאנטענע פראקלאמאציאָן פון דיא עשרת הדברות וואס וועט נאָך אמאל איבערמאכען אין גאנצען דעם פונ־דאמענט פון אונזער ערד־קוגעל!

איך ווינשענדיג דעם בעסטען ערפאָלג אין אייער אונטערנעהמונג, דריק איך בריעדערליך אייער האנד און פערבלייב מיט פריינדליכען גרוסס.

ג. זעליקאָוויץ.

1טען מערץ 1899 פילאדעלפיא.

# קאפיטעל 1.

דער מענש שטעהט איינער צווישען אלע חיות, וועלכער מערדערט פון וואויל־טאָג לעבעדינגע זאכען פאר זיין שפייז. ער אליין, אין דער גאנצען נאַטור, טהוט עס בלויז דארום ווייל דיא פלייש פון א נעמאָרדעטע בעשעפענים איז ביי איהם א לעקערביסען, ווייל עס שמעקט איהם און קיצעלט זיין גוימען. דיא ווילדע חיות וועלכע מערדערן און פערצוקען אויך לעבעדינגע בעשעפעניסען, טהוען עס בלויז ווייל דער שרעקליכער הונגער טרייבט זיי דערצו, דער מענש אבער, פאר וועמען עס איז געגרייט אין דער נאַטור א קעניגליכער טיש בעלאָדען מיט אלל־דאס־גוטס — פון קערנער ביז דיא פיינסטע פפלאנצונגען און פרוכט, האט קיין אורזאכע אזא פער־ברעכען צו בענעהן, דארום ווייל איינעם ווילט זיך א נעשמאקען ביסען איז נאך ניט נעררונגען דאס ער דארף שעכטען און מערדערן אהן רחמנות זיין ליידענשאפט אויסצופיהרען. וויא באלד אזא זאך איז ערלויבט, טאָ ווארום איז דיא וועלט אזוי אויפגערענט אויף דיא „קאניבאלען" (מענשען־פרעססער) וועלכע שעכטען און פער־צעהרען מענשען אויף וועגען דיא איינציגע אורזאכע — ווייל עס איז א נעשמאקער ביסען? דיעזע חברה טענה'ן אויף דאס מענשענפלייש, נעקאָכט אָדער געבראָטען אויף פערשיעדענע ארטען, איז זעהר געשמאק. ביי זייערע א פרויא ווערט אויך א גרויסע שמחה אז דער מאן ברענגט א אורח אויף מיטאָג — א געזונדען, פעטען אורח, מיט וועלכען מען וועט קענען פערברענגען א פאָר שטונדען זעהר געשמאק. דיעזע לייט, אָבוואָהל זייא זיינען קיינע אידען אדער קריסטען, האבען פון דעסטוועגען אויך זעהר ליעב זייער נאכבאר — געקאָכט מיט לאָקשען, און אויב עס זאָל זיין איינעם ערלויבט אויסצופיהרען וואס איהם איז געשמאק און וואס ער האט ליעב טאָ פאר וואָס איז דיא ציוויליזירטע וועלט אזוי אויפגעבראכט ווען זייא דערוויסען זיך דאס דיא קאניבאלען האבען איינמארענירט א פאָר פון זייערע מיסיאָנערען און האבען פון זייא פערפערטינט דעליקאטנע מאכלים, נור דא־ום ווייל זייא זיינען גע־שמאק נעקאָכט אין זויערן?

דער מענש פון היינט איז א מערקווירדיגע רעטענים און איז פול מיט קאָנ־טראסטען. דוכט זיך ער מאכט אנשפריכע דאס ער איז א גרויסער בעל רחמן און רעדט נאכאנאנד ארום יושר; שיינט דוכט זיך צו זיין אזוי עדעל און דעליקאט,

דאָך וויא נור עס קומט צו דער אכילה פגר'ט פלוצלונג בייא איהם דיא רחמנות, און יושר ווערט בייא איהם מיט איין מאָהל אויסגעטריסענט; אלע עקעלהאפטע זאכען ווערען דאן בייא איהם זויבער, און יעדער שמוצינער שרץ איז בייא איהם א צערטליכע שפייז.

דיא זאָנדערבארסטע און עקעלהאפטעסטע ברואים שטעהען הייטע אויסגע־רעכענט אוף דער מענשליכער שפייז־ליסטע, אין כמעט אלע פעלע פערשאפט מען דיעזע זיסע סחורה אויף א גרויזאמען און אונערבארעמליכען ארט. זייא זיינען אויף מעהר וויא אָפט געפעהרליך אלס שפייז פאר'ן מענשען. דוכט זיך אין אזא פאל ווער וואָלט עס נאָר ווערען גלויבען אויף דעם גרויסען בעל־רחמן, אויף דעם וואס בעזיצט יושר ביים טאָן, אויף דעם עדעלען און דעם דעליקאטנעם תכשיט — אויף דעם קעניג וואס רעגירט איבער אלעם אין דער בעשעפונג — דאס ער וועט חלילה שולדיג זיין אין דעם פערברעכען פון מערדערן אָהן רחמנות לעבעדיגע זאכען און פערצעהרען אזעלכע ברואים וואס זיינען בייא איהם אויס אינסטינקט עקעלהאפט? און דאך וויא אונגלויבליך און ווילד עס זעהט אויס טהוט עס פון דעסטוועגען דער מענש; און דאס לעבערליכסטע דערביי איז, דאס אלעס וואס דיעזען יחסן געפעלט נעפינט ער באלד דארויף איין היתר דאס עס איז כשר, ריין, געזונד און העכסט אננענעהם, וויא דיא פאָלגענדע פאקטען וועלען איבערציינען? —

אלע וויסען צום ביישפיעל, דאס דיא פראנצויזען און איטאליענער עסען אזא מין וואָרעם וואס איז בעקאנט מיט'ן נאָמען „סנייל“ דיעזער קריכענדער וואָרעם איז א פעטטע און עקעלהאפטע קליינע בריאה. דאס לעבט און ווערט פעט אין פייכטע קעלערן. ווען עס קריכט ארום, לאָזט עס נאך זיך איבער א פעטטען שפור; און אָבוואָהל עס איז בעלאדען מיט פאראזיטען, איז דיעזער וואָרעם פון דעסטוועגען בע־טראכטעט אלס איינע פון דיא נעשמאקסטע און עדעלסטע שפייז. רעדט מיט א פראנצויז וועגען סנייל, פאנגט איהם באלד אן צו לויפען שפייעכטס פון מויל און ער וועט אייך פערזיכערן מיט גרוים התלהבות דאס נאך אזא געשמאקער, גוטער און געזונדער עסען וויא סנייל עקסיסטירט נאר ניט אונטער דער זון.

בייא דיא בינעזען איז הינטישע פלייש בעטראכטעט אלס א טהייערער דעלי־קאט. זייא קאָכען דיא הינט ווען זייא זיינען נאך געוועהנליך יונג אדער האלב גע־וואקסען. עס איז א בעוואוסטער פאקט דאס מייז און ראצען ווערען אין בינא בע־טראכטעט אלס טהייערע געריכטען. זייא האבען פערשיעדענע אנדערע משונה'דיגע מאכלים, פון וועלכע אז זייא קריענען ניט דיא כאָלעריע נאך אזא איין מאכל, איז דער גרעסטער וואונדער אויף דער וועלט. דאך רעדט מיט דיא לאנג־צעפינע

פארשוינגען, מיט דיא קראנקע און לעפערישע בינעזען, וועלען זייא אייך פערזיכערען אין זייער טשינקי־לשון אז זייער ארט עסען איז דער ריכטיגסטער און עס איז גע־זונד און העכסט כשר אין דיא אויגען פון זייער גאָטט.

זשאבעס און לאבסטערס (וואסער שפינען) ווערען בעטראכטעט פאר טהייערע דעליקאטעסען איבעראל. דיא לאבסטערס ווערען געוועהנליך געבראָטען לעבעדי־גערהייט אויף הייסע קוילען, פאר דיעזע פייניגונג זיינען זיך דיא לאבסטערס אפילו זעהר אָפּט נוקם, ווארום עס טרעפט מאנכעס מאהל אז קוים קומען זיי אריין אינע־וויניג, מאכען זיי דאָרט אן אזעלכע צרות, אז דער עסער דרייט זיך וויא אויף הייסע קוילען אליין פאר שמערצען. דאָך איז דיעזער עקעלהאפטער, גרוילזאם־פערפערטיג־טער שרץ בעטראכטעט פאר א לעקער ביסען. דיא גרויסע טשערעפּאכעס וואס.לע־בען א גוטען טאָג אין דיא גרויסע זומפען און בלאטעס, צוליעב וועלכעס אליין מען דארף עס אויסמיידען וויא א פעסט, ווערט פון דעסטוועגען ביי אלעמען בעטראכ־טעט אלס איין ערהאבענעס געריכט. אויף דעם לעצטען קאָנגרעסס פון דיא רע־פאָרמירטע רבנים אין ריטשמאָנד, האט מען דיעזע פאלשע נביאים געקארמעט מיט דיעזען מאכל, און זאָגאר דיעזע ליט, צו זייער אייביגער שאנדע מעג עס פער־שריעבען ווערען, ערקלעהרען דיעזע עקעלהאפטע שרצים אלס א געזונדע און כשרה שפייז.

דער אָיסטער איז יעצט בעטראכטעט אין דער וויסענשאפטליכער וועלט אלס א שמוציגער שרץ וואס ציהט זיין חיונה פון דעם ים׳ס אויסוואורף, וועלכעס איז ניפטיג און שעדליך. אין דיא לעצטע צייטען האט מען זיך ארום געזעהן דאס אָיס־טערס פעראורזאכען טיפוס־פיעבער. און גראדע אין דער צייט ווען נאטור פאָרשער שטרייטען געגען דעם גענוס פון אָיסטערס, וועלכעס איז פיעלייכט א פראכטפאָ־לער עססען פאר וואססער שפּינען און פאר אנדערע אזעלכע ברואים, אבער ניט פאר דער מענשליכער געביידע, גראדע דאן האט עס א געוויסער רעפאָרמיר־טער רב (?) מתיר געמאכט און יעצט איז דיעזער אונפאסיגער און אונגעזונדער שרץ אנערקענט אלס שטרענג כשר אין דער רעפארמירטער מחנה.

פיש און הערינג, איבערהויפּט נאך יענע סחורה וואס זיינען אלט גענוג צו האבען גרויסע בערד און צו טראגען שפּאקולען, זיינען פאר׳ן מענשען אזוי געפעהר־ליך וויא סם־המות. קיין עהרליכער דאָקטאָר וועט ניט פערלייקענען דעם פאקט דאס פאר זיין גלענצענדען סוקסעס וואס ער מאכט, האט ער נור צו פערדאנקען אם מייסטענס דיא פיש־הענדלער. דיא דאָקטוירים וואָלטען געוויס ארום גיגאנגען פוסט און פּאס און וואָלטען גערים גענוון גענעטהיגט איינער ביי׳ן צווייטען צו

„עסען טעג" ווען ניט דיא גראָ־בערדינגע פיש; און דיא וואס האנדלען מיט קרקע וואָלטען גאר געוועזען אויף צרות, אויב ניט פאר דיא פישערס. אנשטאט דיאמאנ־טען, וואָלטע זייא געטראָגען אזעלכע שטיוועל, וואָס זיינען פון אונטען אָפען וויא א פאָסט־אָפיס; נור זייערע וואָהלטהעטער, דיא פיש־הענדלער, שלעפען זיי ארויס פון אלע צרות. דיעזע טראָ־קע זיינען בעקומפאניע שותפות, און זיי איז וואויל וויא דיא וועלט. קראנקהייטען אָהן א שיעור ענטוויקלען זיך פון עסען אלטע פיש. דער באנד־וואָרעם פון וועלכע אזוי פיעל ליידען, קומט נור פון פיש עסען. דיא יעניגע פעלקער וואָס לעבען דורכאויס אויף פיש, זיינען סראנקע, לעפערישע, העסליכע ברואים. אריין צו געהן אין א פיש סטאָר און דאָרטען בעטראכטען וויא דיא פיש וואלגערן זיך אין א ים שליים און בלאָטע, איז ניט א סצענע וואס איז בע־זאָנדערס רייצענד פאר דאס אויג. דער אראמאט דוכט זיך איז אויך ניט איבריגענס אנגענעהם פאר דעם חוש הריח, דאך ווערט געמאכט פון דיעזען מאכל דעם גרעסטען פאראד.

אין שווינען געפינט זיך א גיפט וואס איז בעקאנט מיט׳ן נאמען „טריטשין" דיעזער גיפט איז בעזאָנדערס געפעהרליך, קוים קריגט עס זיך אריין אין דיא בלוט פון א מענשען, שטארבט דער מענש דערפון מיט אונבעשרייבליכע יסורים. ווארום דיעזער טריטשין איז א מין מיקראָב וואס פערמעהרט זיך אָהן א שיעור אין פער־לויף פון א פאָר שטונדען, און דער וואס ווערט פערגיפטעט דערמיט ווערט תיכף אָנגעפילט מיט מיליאָנען פון דיעזע פאראזיטען וועלכע זויגען דאס בלוט און פער־אורזאכען דאבייא שרעקליכע שמערצען; און ווען דער גאנצער קערפער שווימעלט און גריבעלט מיט דיעזע גיפטיגע ברואים׳לאך שטארבט ער, קיין תרופה איז דערצו דאָ. עס שטארבען פון דיעזע פערגיפטונג טויזענדער מענשען א יאָהר, אלע טאג טרעפט אירגענד וואו אזא פאל. פון דעסטוועגען עסט נאָהענט פון א האלבע וועלט מענשען שווינען פלייש. און פרעגט ביי זייא וועלען זייא אייך אלע ערקלעהרען אז דיעזער מאכל איז גרויסארטיג אבי א דאנק זיין ליעבען נאמען עס איז חאָטש ניט כשר!

דיא פלייש פון א ביוועך, פון א בער, און פון אנדערע אזעלכע פערצוקענדע חיות, ווערט בעטראכטעט פאר אויסער אָרדענטליכע גוטע שפייז, דיא גרויסע פלעדער מייז וואס בעפינדען זיך אין דיא טראפּישע לענדער ווערען געגעסען בייא דיא דאָרטיגע מענשען. דא ניט לאנג, האָט איינער א געוויסער נאטור פאָרשער וואס האט ניט געהאט וואס צו טהאן, געמאכט דיא ערהאבענע ערפינדונג, דאס דיא פלייש פון א ראטעל־סנייק (קלאפּער־שלאנג) איז בעזאָנדערס גוט און זיסס

ער שווערט מיט טויטע שבועות דאס ער פיהלט זיך זעהר שטארק פון דיזער דער־ליקאטנער שפייז. דער זעלבער זולל וסבא ערקלערט דאס בלעק סנייק איז אויך א זעהר געזונדע אכילה, נור עס האט א קליינעם גערוך, זאנסט וואלט ער עס אפשר אריין געבראכט אין דער מאָדע. דער זעלבער תכשיט דערצעהלט דאס ער האט אויך גענעסען מיט א גוטען אפעטיט דיא פלייש פון אנדערע עקעלהאפטע חיות, שרצים און אינזעקטען און איהם געפעלט עס גאָר ניט שלעכט. אין שפינען דערצעהלט ער, געפינט זיך דער אנגנעהמער געשמאק פון ניס. דיזער קאסטי־מער האט בכיון געמערדערט א פאר שפינען אום דיזע ערהאבענע ערפינדונג צו מאכען.

רייזענדע דערצעהלען דאס אין אביסיניען (כוש), פרעסען דאָרט דיא חברה פּרי ש אָבגעשניטען פון לעבעדיגע בהמות, דער הויפט לעקער־ביסען וואס געפעלט זייא אם בעסטען, איז דיא רויע פלייש אויסגעשניטען נעבען דעם עק פון דער לע־בעדיגער בהמה. דיזער מאכל ווערט ביי דיזע לייט גענעסען אזוי וויא עס שטעהט און געהט, מיט דיא שטיוועל מיט אלעמען, און מיט דער זעלבער געלאסענהייט וויא אין אונזערע מקומות ווערט גענעסען קונעל — להבדיל אלף אלפי הבדלות.

ווען בייא דיזע בארבארען, וועלכע זיינען כלומר׳שט קריסטען, איז א שמחה נעהמען זייא א אָקס און צושניידען איהם לעבעדיגערהייט אין קליינע שטיקלאך און אויף אזא ארט ווערט עס סערווירט צו דיא געסט. אין אנדערע געגענדען פון יענע מקומות, ווערען דיא בהמות געשמיסען ביז צום טויט. דיזעס ווערט געטהאָן בכדי דיא פלייש זאָל ווערען זיסער און ווייכער. דער גרויסער רייזענדער „ברוס" דער־צעהלט דאס ער האט אליין דיזע אלע פליישען גענעסען און ער ערקלערט דאס ניע אין זיין גאנצען לעבען האט ער אזא געשמאקען מאכל גענעסען. עס איז זיסער און צארטער וויא דיא געוועהנליכע פליישען וואס מען עסט אין אונזערע געגענדען.

אין אונזערע מקומות איז מען אויך ניט שטארק ווייט פון אזעלכע גרויזאמ־קייטען. דיא בהמות און עופות וואס ווערען געשאָכטען טעגליך אין דיא שלאכט הייזער, ווערען מערדערליך בעהאנדעלט. דיא רציח׳ת וואס מען קען דאָרט זעהן זיינען נענוג צו ערוועקען רחמנות, בעם און עקעל אין הערצער, אפילו אזעלכע וועלכע זיינען געבוים פון שטיין. ברוטאליש אנידערשלאגען א בהמה, איהר שני־דען ווערענד זיא קרעכצט נאך און צאפעלט זיך מיט אלע אברים אין דער נסיסה, צוליעב א וועט, איז א געוועהנליכע סצענע אין דיא שלאכט הייזער, קירצ־ליך האָבען דיא צייטונגען בעריכטעט וויא אזוי מען האט געפיהרט חזרים מיט

שעפסען אין איין צוג. וויא עס פאסירט זעהר אָפט האט מען זייא ניט בעזאָרגט מיט געגוג עסען אונטערוועגנס. דיא חזרים זיינען געוואָרען הונגעריג, האבען זייא זיך מישב געווען און האבען אנגעגריפען דיא שעפסען, און ווען דיא טריין איז ענד־ליך נאך איהר בעשטימטען ארט אנגעקומען, האט מען דיא שעפסען געפונען האלב ארום געפרעסען. דיא חזרים האט מען נאכהער געטהאן זייער געוועהנליכען רעכט און נאכהער וויא מען האט זייא געשטאָכען מיט א שפיז האט מען זיי תיכף, נאך לעבעדיגערהייט, אריין געוואָרפען אין א קאָכעדיגען קעסעל וואסער — נאכ'ן געוועהנ־ליכען מנהג. נאכהער האט מען זייא פערפערטיגט געט, שעהן אויסגעפוצט, און מען האט דיא סחורה פערטהיילט אין דיא מארקעטס פאר'ן מענשליכען געברויך, הײנט נעה און ערוואַרט פון א מענשען דאס ער זאָל זיך ענטוויקלען איין אדעלמאן נאך אזא מין אכילה!

פון דיעזע פאָר פאקטען קענט איהר אונגעפעהר האבען א בעגריף וויא באַ־רעמהערציג, וויא נאבעל, וויא ריין, וויא כשר דער קעניג איבער אלעס אויף דער וועלטס בעשעפונג, דער מענש איז. נור דאס איז ניט מיין צוועק הויפטזעכליך צו ווייזען. איך וויל בלויז אויפציינען וויא ווייט ער פערראונגליקט זיך און שלעפט ארויף אויף זיך מיט גוואלד קראנקהייט און פערדארבענהייט — שוין ניט צו דערמאנען דאס דיא גאנצע ארמוטה, נויט לײדען, און קנעכטשאפט קומט נור דירעקט דורך דאס פלייש־געגוס.

## קאַפיטעל 2.

דער מענש האט זיך איינגערעדט דאס פון פלייש עסען קריגט ער צו געזונד און שעפט דערפון חיות. זאגט איהר אליין, וויא טראגט אייך אויס אייער אייגענער שכל, קען עס מעגליך זיין דאס אין א טויטע זאך זאָל זיך געפינען לעבען? וויא באלד איהר עסט פלייש אדער פיש ווען עס איז טויט — עבטע בר־מנן רחמנא לצלן א מת מיט אלע מתים צונלייך, טאָ וויא קען עס אלזא מעגליך זיין דאס אין דער בהמה, עוף אדער פיש זאָל זיך געפינען לעבען נאכהער וויא דער לעבען איז דארין דערשטיקט געוואָרען דורך רציחה?

טויטע זאכען פאנגען באלד אן צו פוילען און פערפוילטע שפייז איז געפעהר־ליך אלס שפייז פאר'ן מענשען, ווען פרוכט אדער פלאנצונגען זיינען טויט (פער־פוילט), זיינען זיי אויך שעדליך אלס שפייז. דיא יעניגע לייט וואס האנדלען איין מצי..ות אין צוגעפוילטע פרוכט, האנדלען איין קראנקהייט אין דער זעלבער צייט, ווארום עס מוז זיך ענטוויקלען א שלעכטע ווירקונג ווען זיי עסען דיא סחורה. אין פלייש איבערהויפט בילדעט זיך אזא מין גיפט וואס איז זעהר געפעהרליך ווען עס קומט אין בעריהרונג מיט דאס בלוט פון מענשען; און ווען עס ריהרט אן דעם קערפער דורך א וואונד אדער דורך א שניט דאן איז דאפיר קיין תרופה דא.

דיא ווילדע אפריקאנער פערגיפטען זייערע פיילען דערכיט וואס זיי טונקען דיעזע איין אין א טויטען קערפער, וועלכער איז פריהער געלעגען אויף דער פרייער לופט אונגעפעהר א 8 טעג. אזא קערפער מעג זיין א מענשליכער אדער פון א חיה, און ווען אזא פערגיפטעטער פייל טרעפט איהר ציעל און מאכט אפילו ניט מעהר וויא א קליינעם קראץ אויפ'ן קערפער מוז ער באלד שטארבען.

דיעזע גיפט וואס ענטוויקעלט זיך אין טויטע שפייז ווערט ניט פערניכטעט דורך קאָכען, זאלצען אָדער פרירען, קוים האט עס זיך געבילדעט אין פלייש קען עס ניט מעהר פערניכטעט ווערען. עס איז בעוויזען געוואָרען דאס דיא אורזאכע ווארום צעהנדליגע טויזענד סאָלדאטען זיינען שטערבליך קראנק געוואָרען אין דער שפאניש־אמעריקאנער מלחמה איז נור געווען פעראורזאכט ווארום זייא האבען גע־געסען „איינגעבאלזאמירטע" פלייש, אין וועלכע דיעזע געפעהרליכע גיפט האט זיך ענטוויקעלט. טויזענדער זיינען דערפון געשטאָרבען, אנדערע וועלען בלייבען לעבענס־לענגליכע ליידענדע פון קראנקהייטען, וואס דיא גיפטיגע באציליען און פאראזי־טען האבען פעראורזאכט.

דעם מענשענס עסען, איבערהויפט אין דיא גרויסע שטעדט, בעשטעהט יעצט אויס כמעט א דריטעל פון שפייז אזעלכע וואס איז אונפאסיג, אויב אייער הויז צום ביישפיעל וואלט געווען געבויט אויף מאטעריאל אזעלכע וואס איז א דריטעל פער־פוילט, און וואס פאר א לאנגע דענקט איהר, וואלט אייער הויז געווען — א דריטעל פערפוילט, ניט וואהר? און דיא איבעריגע 2 דריטעל וואָלטען אויך דאדורך גע־וואָרען אין געפאהר? אלזאָ, ווען איהר בויט אייער אייגענע געביידע יעדען טאג אויף מאטעריאל אזעלכע וואס איז אם ווענינגסטענס א דריטעל טויט, וויא קענט איהר אלזאָ ערווארטען דאס אייער בנין זאל זיין אין א גוטער אָרדנונג? דאס איז טאקע דיא אורזאכע ווארום מיר טרעפען אָפט אזוי פיעל ליידענדע און קראנקע. פאסט יעדער טראגט זיך ארום מיט אירגענד וועלכען פעהלער, א שוואכקייט, א

וועהטאג — וואס דאס האט בשום אופן ניט נעדארפט זיין אויב דער מענש וואָלט זיך געפיהרט ריכטיג לויט דיא געזעצע דער נאטור. אויסער דער נאטור איז דער מענש ניט געבאָרען צו זיין דער קראנקער, שוואכער, קאפריזנער, פערזוויערטער מענש וויא מיר זעהען איהם פאר אונז היינט. ער איז געבאָרען געוואָרען צו זיין געזונד, שעהן, זאנפט און אננענעהם אין זיין בענעהמונג; צו האבען פערגניגענד פון זיין לעבען, ווארום אַ גראדער פערשטאנד קען עס אויספיהרען; און ווען דיא צייט קומט ענדליך אן אז מען דארף פאהרען צוריק אהיים, האט עס נעדארפט געשעהן שפעט אין לעבען, ווען ער האט עררייכט אַ הויכע עלטער, ווען ער האט אלעס גע-ענדיגט וואס ער האט אָנגעפאנגען; עס דארף געשעהן אָהן וועהטאָג, אהן שמער-צען, אָהנע טיעפע זיפצען אזעלכע וואס טרייבען היינטיגע צייטען יונג אין דער ערד. נור מיט אזא זיסע פיהרונג וויא דער מענש פיהרט זיך אויף היינט, ווען מיט זיינע מעשים תעתועים האט ער פערדאָרבען כל חלקה טובה און האט ארויף געשלעפט אויף זיך אלע צרות, וויא קען ער דיזעס אלעס ערווארטען?

דיא מענשהייט לעבט יעצט דורך־שניטליך בלויז 17 יאהר. דיא נאטור־פאָר־שער בעהויפטען דאס דיא מענשהייט האט בעדארפט לעבען לויט דיא נאטירליכע געזעצע ניט וועניגער וויא אַ 200 יאהר דורכשניטליך. זייא ברענגען אַ בעווייז דערפון וואס יעדע זאך אויף דער וועלט לעבט אוננעפעהר 8 מאל אזוי לאנג וויא עס דויערט איהר זיך צו ענטוויקלען. דער מענש וועלכער ווערט ענטוויקעלט צו אוננעפעהר 21 יאהר — אנדערע ווילען האבען דאס ער איז ניט פאָלשטענדיג ענט־וויקעלט ביז 40 יאהר (בן ארבעים לבינה, זאגען אויף דיא אבות) האט נעדארפט אם וועניגסטענס לעבען אוננעפעהר 168 יאהר. וויא קומט עס אלזאָ דאס דעם נאטור־פארשערס רעכענונג וואס האלט אוים ביי אלעס אין דער נאטור וואס לעבט פון אַ גרעזעלע ביז דעם גרויסען עלעפאנט, זאָל ניט אויסהאלטען בייא דער מענש־הייט? דער תירוץ איז רבותי, דאס דער מענש לעבט ניט נאך דיא פּראגראמע פון דער נאטור, וועהרענד אלעס אנדערע אין דער נאטור טהוען עס יא. דער מענש גראבט פאר זיך אַ קבר מיט זיינע אייגענע צייהן. זיי עסען איז משונה ווילד, ניט נאטירליך. דאס פערפאָרזאכט שוין דאס זיין גאנצע פּיהרונג זאָל זיין אויסער אָרד־נונג. דאס פלייש עסען און דער פייער וואס דיזוער פלייש צינדעט אן אין דיא מענשליכע געביידע, פערזאָרזאכט אלע צרות.

פלייש האט אַ ווירקונג צו דערהיצען דיא בלוט פון מענשען אזוי וויא שארפע געטרענקע אוננעפעהר. און דיזע צוקאָכטע ווירקונג אויף דיא חושים און פעהיג־קייטען פון מענשען ווירקט אזוי וויא אויף אַ אָנגעצויגענעם וואנט זייגער וואס מען

Ex bibl. univ. Tart.



לאָזט לויפען אָהן א פערפענדיקעל אדער געוויכט. עס פליהט דאן אין גרויס איי־לענעס און לויפט אב אין איין שטונדע א גאנצע וואָך פיעלייכט. אָבע ווייכע וואָלט מען דארפען צאהלען רענט נאך דעם רעכענונג פון אזא זייגער. דיא בלוט ווען עס איז צוקאָכט, לויפט אויף בחפזון גיך און שנעל, עס צורייצט דאדורך דיא נערוועןעס צינדעט אן דיא תאוה, עס שוואַכט אָב און פעראורזאכט פערשיעדענע קראנק־הייטען וועלכע זיינען צום סוף דיא שטראפע פאר דיא וואס ברעכען דיא נאַטיר־ליכע געזעצע און געבאָט.

צוליעב דיא אונפאסינע שפייז ווערען אונזערע קינדער צו גיך און צו פריה ענטוויקעלט. דער נאַטירליכער געוואוקס, דיא שטארקייט און דער חן פון דיא יונג־ווארג איז הייטע ניט וואס עס בעדארף צו זיין, דיא אורזאכע איז ווייל זייער גע־וואוקס ווערט מעכאניש געטריבען מיט דיא פעסטע און רייכע שפייז וואס זיי פער־צעהרען. א פלאנצונג וואס ווערט מעכאניש געטריבען קען אויך ניט בעזיצען דעם נאַטירליכען געשמאק און חן. עס וועט פיעלייכט אויסוואקסען גרויס, גראָב אבער אונגעלומפערט, און עס וועט ניעמאלס בעזיצען דיא נאַטירליכע אייגענשאפטען. און אזוי איז אויך דער מענש, וועלכער איז אויך ניט מעהר וויא א פלאנצונג, "כי האדם עץ השדה." דער טאטע וואס קארמעט זיין קינד נאכאנאנד מיט פלייש, מיט וואורשט, מיט הערינג, מיט לימבורגער קעז און מיט ביער, דארף ניט זיין ערשטוינט אז ער וועט ווען עס איז שניידען אזעלכע תבואה וויא ער האט פער־זייט, שלעכטע שפייז מוז פארברענגען שלעכטע בלוט, און שלעכטע בלוט א שלעכטע בענעהמונג, דאס קינד וואס האט שלעכטע בלוט און צופיעל דערפון מוז זיך שלעכט אויפפיהרען, דאנעגען עדעלע שפייז אזעלכע וויא פרוכט, קערנער און פלאנצונגען, רייניגט דאס בלוט. פון ריינע בלוט וועט זיך ביי'ן קינד ענטוויקלען א ריינער קערפער, א ריינע הארץ, א ריינע קאָפּ איידעלע געפיהלען, דער פונק פון רחמנות וועט האבען פלאץ וואו צו וואָהנען אין ברייטקייט, און אזא קינד מוז ענד־ליך ווערען איין אדעלמאן.

א מערקווירדיגע זאך איז צו בעמערקען דאס אין רייכע הייזער ענטוויקלען זיך זעהר זעלטען גייסטרייכע קינדער. דיא גרויסע מענשען אויף דער וועלט קומען ניע פון רייכע עלטערן. דיא אורזאכע דערפון איז ווייל רייכע קינדער האָדעווען זיך אויף צו רייכע שפייז. „הזהרו מבני עניים שמהם תצא תורה," לערנען אונז דיא אבות. פון דער קלאסע וואס עסען ברויט ביי'ן וואָג און וואסער ביי'ן מאָס, זיינען זייא וואס ענטוויקלען זיך אם מייסטענס צו זיין דיא גרויסע מענשען אויף דער וועלט.

אין דיא אלטע צייטען האבען מענשען ניט גענעסען פלייש אזוי פיעל וויא יעצט. אורזאכע, וייל מען האט עס ניט געקענט בעהויפטען, מענשען האבען ניט געוואָהנט אזוי גערדיכט צוזאמען, און א קליינער צאָהל איז ניט געווען. ביכולת צו האבען דיעזען גרוזאמען לוקסוס. צו עסען פלייש אָפט זיינען נור געווען פערמעגליך גאנץ רייכע לייט, דיא קעניגליכע פאמיליען. דאס איז טאקע דיא אורזאכע ווארום דיעזע חברה זיינען געוואָרען אזעלכע באנדיטען, אזוי וויא דיא טיגערס זיינען זייא געוואָרען בלוט-דורסטיג. זייא האבען פערגעסען אז זייא אליין שטאמען פון מענשען, און האבען ביטערליך געפּלאָגט אלעמען אויף וועמען זייא האבען געהאט דיא אויבערמאכט. פאר ליאד א פּרעטענזיע זיינען זייא באלד געפלויגען אין דער מלחמה און האבען פערפלייצט בלוט וויא וואסער, אויסער דעם זיינען זייא געוואָרען ליידענשאפטליך און אונמאָראליש. עס איז יעצט מעהר קיין סוד דאס דיא גאנצע קעניגליכע חאלאסטערס פון דער וועלט מיט דיא גאנצע זאָגענאנטע אריסטאָקראַטישע פאמיליען, זיינען אלע געגריפען מיט דיא העסליכסטע קראנקהייטען פון וועלכע זייא וועלען זיך שוין קיין מאָל ניט אויסהיילען. עס געהט ביי זיי איבער כסדר בירושה. אלע וויסען אויך דאס א גרויסער טהייל פון דיא קעניגליכע פאמיליען אויף דער וועלט זיינען אדער אין גאנצען משוגע, אָדער זייא פעהלען אין פערשטאנד.

יעצט ליידער איז עס אזוי וויט געבראכט געוואָרען דאס איין יעדערער קען שוין לעבען אויף א קעניגליכען שניט, ער קען עסען פלייש וויא פיעל ער וויל, אזוי לייכט איז עס יעצט צו קריעגען. דער לוסט צו שטארקע געטרענקע איז דאדורך פערגרעסערט. ווארום פלייש מיט שארפע געטרענקע זיינען אלטע חברים. אז מען לאזט זיך טיעף אריין אין דער קאָמפּאניע פון דיעזע חברה, פיהרען זייא אוועק — ניט אין שוהל; און דיא ווירקונג וואס זייא מאכען אויף איינעם — איז ניט ער זאָל געהן זאגען תהלים. אויב איהר ווילט וויסען ווארום דער מענש פון היינט פערליערט גראדענווייס זיין עהנליכקייט צום דמות אין וועלכען ער איז בעשאפען; ווארום ער פערלאָזט דעם דרך הישר און פערקריכט אוועק נאך אלדע-שווארץ-יאהר; ווארום אזוי פיעל אונערבארעמליכקייט עקסיסטירט, און ווארום יעדער עדעלער פּרינציפּ ווערט יעצט נעאָפּפערט אויף דעם מזבח פון איינעננוציגקייט — אויב איהר ווילט וויסען דיא אורזאכע פון דאס אלעס, דאן זייט מוחל און בעטראכטעט מיט א גוטע אויג דעם אָרט נאהרונג פון היינטיגע מענשען און איהר וועט דעם סוד דערגעהן.

„דער מענש איזט וואס ער איסט,“ זאגט א דייטשעס שפּריכ-וואָרט. דאס מוז זיין דיא אורזאכע ווארום מיר זעהן צווישען מענשען אזוי פיעל בהמות, חזירים און אנדערע ווילדע חיות.

# קאפיטעל 3.

דיא אלע וועלכע עסען בר־מנן בעהויפטען אז דיעזעס מאכט זייא דיק און פעט, דיא גאנצע געזונד און קראפט ציהען זייא נור פון דיעזער אכילה. מילא וואס אנבעלאנגט געזונד און שטארקייט וועל איך שוין נאכהער אויפווייזען דאס עס איז בלויז איין איינבילדונג; נור דאס דיעזער ארט שפייז האט ביכולת צו מאכען דיק און פעט מוז איך צוגעבען אז עס איז אמת — שטרענג אמת. יעצט רבותי וועלען מיר זעהן וואס פעטקייט ברענגט פאר א נוצען אין דער מענשליכער געביידע.

איין יעדער וואס האט נור עטוואס געלערנט וויס, איין יעדער דאקטאר וועט עס אייך זאגען, דאס פעטס פאר דיא מענשליכע סיסטעמע איז וויא סם־המות. אויב חלילה בייא איינעם ווערט דיא ברוסט צו פעט, דאן איז מיט איהם ניט פרעהלאך. דיא טויזענדער מענשען וואס שטארבען א יאהר פון „ברייטהס־דיזיז", איז עס נור דארום היילי דיא ניערען ווערען צו פעט, עס איז א בעוואוסטער פאקט דאס דיא אלע וואס נעהמען זיך דעם לעבען אהנע אורזאכע, אויך דיא יע־נינע וועלכע האבען א נייגונג צו מערדערן, איז עס נור דארום ווייל זייער מארך איז צו פעט. און אזוי איז עס מיט יעדער ארגאן אין מענשען. דיא פעטסייט אליין איז עפעס א מין קראנקהייט וואס איז געוועהנליך דער שרכן אדער פערמיטכער וואס מאכט בעקאנט און ברענגט צוזאמען פערשיעדען קראנקהייטען. דאס איז א פאקט וואס איז בעוואוסט אז עס עקסיסטירען אפילו בייא בהמות. אזעלכע בהמות וואס ווערען בביון געפיטערט אום צו ווערען פעט, ווערען ענדליך אומגע־לומפערט נראב, גרויס און פעט און אין אזא צושטאנד קענען זייא לאנג ניט לע־בען. זייא שטארבען אימער פון אוננאטירליכע קראנקהייטען.

פעטע מענשען קענען ניט פערטראגען שווערע ארבייט אדער קעלט. זייא קענען ניט אויסהאלטען אהנע צו עסען איין טאג. עס פאלט פיעל שווערער א פעטען מענשען צו פאסטען א טאג וויא א מאגערן. ווארום דיא זעלבע פעטקייט פארדערט שפייז צו עקסיסטירען, עס מוז נאכאנאנד ערנעהרט ווערען און פעטע מענשען מוזען דערפאר פיעל עסען. איך האב אפילו געהערט פון פעטע מענשען

וויא זייא שווערען זיך מיט טויטע שבועות אז זייא ווייסען ניט פון וואס צו זאגען, אז זייא עסען בלויז זעהר ווענינ און דאס ווערען זיי בלומרשט פעט פון „שוועגטס־דובעם" (היילינען גייסט). נור איך ווייס בעסער, זייא עסען און טרינקען פיעל — זייא מוזען עס טהאָן, ווייל דיא פעטקייט וואס זייא האבען אָנגעקליבען אויף זיך שרייט נאכאנאנד מיט קולות אז עס וויל עסען.

דיא מעהרסטע פעטע מענשען קענען קוים ארום געהן. דיא פיס קענען דיא שווערע לאסט ניט ערטראגען און זיי ליידען דערפאר זעהר אָפט אויף א שמערצליכען ארט. דאָקטוירים פערזיכערען זיי אז זיי ליידען פון רהעמאטיזם, נור עס' איז ניט ריכטיג. דער פונדאַמענט—דיא פיס, קענען ניט טראגען דיא שווערע געביידע, פאלגליך דיא שמערצען.

אָנצוזאגען א פעטען מענשען א פלעצליכע בשורה, איז פערבונדען מיט'ן גרעס־טען נעפאהר פאר איהם, אירגענד וועלכע אויפרעגונג איז פאר איהם געפעהרליך. א פעטער מענש שפיעלט זיך איינפאך מיט זיין לעבען ווען ער טרינקט שטארקע געטרענקע אביסעל איבער דער מאָס, אזא איינער דארף איבערהויפט גאר קיין משקה טרינקען. ווארום ווען דיעזער פרעהליכער קאָסטימער קריכט אריין אינע־ווענינ, לאָזט ער זיך פערנאַנדער דאָרטען און ווען ער פאנגט אָן אבצושטאטען זיינע וויזיטען צו אלע אָרגאנען, פאראליזירט ער דיא גאנצע חברה. דיעזעס צורייצט דיא פעטקייט און עס שטעלט דאדורך דעם מענשען אין גרויס געפאהר. אויב איינער איז נייגיריג זיך צו פערזאָרגען מיט א זיכערען טויט, דאן זאָל ער צוערשט אויפ־בויען אויף זיך א טהורם פון בבל און דאן זאָל ער אָפט נעהן אויף כיבוד, עס וועט איהם דאמאלס לייכט זיין צוועק גרייכען.

אויך דאס וואס מען דענקט אז וואָס איינער איז פולער און האָט אין זיך פיעל בלוט איז א סימן פון א געזונדען צושטאנד, איז אויך איין אירטהום. אזעלכע מענשען זיינען יעצט רעכט אונטערוואָרפען צו אלע קראנקהייטען. דיא מיקראבען וואס פעראורזאכען דיא קראנקהיישען האבען אוואו צו שטעהען אין לאָזשי, און זייא האבען אויף וואָס זיך צו ערנעהרען בייא אזעלכע מענשען. אָבער ניט אזוי איז בייא דיא יענע מאָגערע לייט בייא וועמען זייא קענען ניט מאכען א בכבוד'ן לעבען. וויא אָפט הערט מען פון אזעלכע וואס האבען דוכט זיך אויסגעזעהן אזוי פעט און דיק זיינען פלעצליך אוועק געפאָהרען אהיים, דאָקטוירים זאגען אז דיא קראנקהייט אליין איז אָפט ניט געפעהרליך, דיא אורזאכע פון שטארבען איז נור דארום ווייל דער דער קערפער איז צו פיעל אויסגעניצט; און ביי וועמען איז נאך דיא געביידע אזוי פיעל אויסגעניצט וויא ביי דיא וואס פיטערן זיך נאכאנאנד מיט בר־מנן.

אום אויסצומיידען אזעלכע געפאהרען צו וועלכע א פעטער מענש איז אונ־טערוואָרפען, מוז אזא איינער אויפהערען צו בענוצען זיין קערפּער אלס א בית־עולם׳ל איז וועלכען צו בעגראבען בהמות, עופות און פיש. ער מוז פערמיידען געמערדערטע שפּייז און נור לעבען אויף איידעלע וועגעטעריאנישע שפּייז. דאן קען ער בשום אופן אויף זיך ניט אויפבויען א טהורם פון בבל. עס איז בעוויעזען געוואָרען דאס אזעלכע שפּייז האָט ביכולת צו מאכען אין א קורצע צייט פון א פעטען מענשען מאגער, פלינק און טהעטיג, וועהרענד א שוואכער און א מאגערער מענש ווערט אויף היא זעלבע שפּייז בעלייבטער און קרעפטיגער. דיא אורזאכע דאפיר איז, ווייל עס איז נאטירליכע שפּייז.

אונזערע אבות לערנען אונז אויך דאס דער וואס איז מרבה בשר, דער איז מרבה רימה ותולעה; דאנעגען דער וואס פיהרט זיך ריכטיג לויט דיא געזעצע דער נאטור, ווערט פון איהם אָבגעטהאָן אלע קראנקהייטען און אלע ווייטאָגען.

# קאַפּיטעל 4.

צווישען דיא אלע ברואים אין דער נאטור וואס עסען פלייש, זיינען דיא גאנצע קעציגע משפחה, וועלכע צעהלט אונטער זיך אזעלכע געשליפענע אדעל לייט וויא דער טיגער, דער לעמפּערט, דער פאנטהער, דער לייב, אויך דיא גאנצע הינטישע חאלאסטרע, וועלכע בעשטעהט. אויך פון לויטער אריסטאָקראטען אזעלכע וויא דער וואָלף, דיא בת־היענה, און אנדערע פערצוקע:דע חיות; עס עסט אויך פלייש דער ראטץ, דער שפּין, פערשיעדענע רויב־פויגלען, דער שארק (א מערדערליכער רויב־פיש) דער קראָקעדיל און א גאנצע מחנה עקעלהאפטע שרצים און ניפטיגע ברואים וועלכע זיינען צו פיעל אויס צו רעכענען; ואחרון אחרון חביב — אויך דער מענש!

צווישען דיא וואס עסען קיינע פלייש, צעהלט זיך דער הירש, דער שעפּס, דער פערד, דער אָקס, דער עלעפאנט דיא טויב און א גאנצע ארמעע עדעלע חיות וועלכע זיינען זאנפט און גוט אויס דער נאטור; אונשולדיג און געזעל־שאפטליך. ציינען ארויס זייער פריינדשאפט און לייסטען הילפע. געהען זיך ארום

לאנגזאם אין דער ליכטיגקייט פון דער זון, ווארום זייא האבען זיך ניט מיט וואס צו שעהמען פאר קיינעם. ווען עס קומט זייא אויס אמאל אין א שטרייט, ווערען זיי זיך וויא העלדען, בראוו און ארדענטליך, אום זיך צו בעשיצען. דאגעגען יענע הברה, יענע גזלנים — דיא פליישפרעסער זיינען געזיעגעלט פון דער נאטור מיט'ן שטעמפעל פון שלעכטסקייט, פון רציחה. אין יעדער צוג פון זייערע פינסטערע פרצופים קען מען לייכט ארויסזעהן זייער נאטור. ביי טאג וואגען זייא זיך ניט צו צייגען אין דער ליכטיגקייט פון דער זון. נור בייא נאכט דרעהען זייא זיך ארום וויא עכטע גנבים און מערדער, און זוכען נור צו פערצוקען, צו פערניכטען און אויפצופרעסען.

עס איז שעהן — זעהר שעהן, עס פאסט טאקע וויא נור צוגעוואונשען, פאר דעם קעניג איבער אלע בעשעפעניסע, פאר דעם מענשען וואס איז בעשאפען בצלמו בצלם אלוהים, זיך אזוי צו ערנידריגען און שטעהען אויף דער זעלבער שטופע מיט אזא גרויזאמע, אונערבארמליכע געזינדעל. פאר דעם אידען איבערהויפט, פאר דעם אריסטאקראט צווישען מענשען בלומר'שט, פאסט עס טאקע נאר וויא אנגעמאסטען זיך אויפצופיהרען אויף איין ארט מיט אזעלכע שרצים און פערצוקענדע חיות. „קדשים תהיו כי קדוש אני," האט מען אייך אנגעזאגט, שעהנע הייליגע לייט קען מען זיין אז מען איז נאכאנאנד אנגעפאקט מיט בר־מנן פון אלערליי זארטען, וויא עכט פערצוקענדע חיות!

איז דען ניטא גענוג פרוכט, פלאנצונגען און אלערלייא זארטען תבואה פון וועלכע מען קען ציהען חיונה בכבוד, אהנע צו בעשמוצען דעם שכל און דיא טרעלע געפיהלען מיט דעם פלייש פון אזעלכע אונשולדיגע בעשעפעניסע וואס איהר דארפט גאר איינענטליך שיטצען און ניט מערדערן און זייא אויפעסען וויא טיגערס? קען מען ניט לעבען ביליגער, בעסער, געזינטער, צופריעדענער אויף צמחים אהנע זיך אנצוזאפען מיט בלוט וויא א שוואם?

וויא שעהנער און מעהר בע'חן'ט זעהט אויס א טיש ווען עס איז געגרייט מיט זיסע, שעהנע, געזונדע פרוכט ושאר ירקות, וויא מיט פלייש און פיש. און אזוי וויא עס זעהט אויס אויפ'ן טיש, גראדע אזא ווירקונג מאכט עס אויף דיא חושים און פעהיגקייטען פון מענשען.

דער שעהנער קאליער פון פרוכט וואס האט אזא רייץ פאר דאס אויג; דיא עדעלע און פיינע אראמא וואס האט אזא זיסע ווירקונג אויף דעם חוש־הריח; דער ליעבליכער געשמאק וואס מאכט אזא אנגענעהמע ווירקונג אויף דעם חוש פון געשמאק, צייגט אז נור אזעלכע זאכען זיינען בעשאפען צום עסען פאר'ן מענשען.

ניט אבער אזוי פלייש צו וועלכע דער מענש האט איינענטליך גאר קיין נאטירליכע נייגונג. נעהמט צוםביישפיעל איין אָקס, ווען ער לעבט האט ער ניט אין זיך קיין בעזאָנדערע איינענשאפט וואָס זאָל צו ציהען דערויף דעם אפעטיט פון מענשען, וויא איין עפעל למשל; ווען דער אָקס ווערט ערמאָרדעט און צאפעלט זיך מיט גסיסה אין א ים בלוט, מאכט עס אויפ'ן מענשען א שוידערליכען איינדרוק, דאַ־מאָלס האט ער דערצו געוויס קיין נייגונג; ווען עס ווערט געשונדען און נאכהער צושניטען האט עס דאן אויך ניט צו פיעל חן מיט לייטזעליגקייט אין דיא אויגען פון מענשען, דער ריח וואס עס גיבט דאן פון זיך ארויס, איז איהם דאמאלס אויך ניט בעזאָנדערס אננענעהם; נעשמאַק איז דיא רויע פלייש אויך ניט, עס פאנגט נור דאן אָן צו האבען א שטיקעל טעם ווען עס ווערט פערפערטינט מיט זאַלץ, פעפער ושאר ירקות און נעקאָכט אָדער געבראָטען. דערפון, זאָגט וואס איהר ווילט, קען מען נעהמען א בעוויז אז פלייש איז ניט א נאטירליכע שפייז פאר'ן מענשען, ער האָט זיך דערצו נור צוגעוואָהנט זייט ער האָט אָנגעפאנגען צו זינקען; ער איז נור דאן געוואָרען א מיט ברודער מיט פערצוקענדע חיות זייט דיא נויט האט איהם געצוואונגען זיך צוגעוואָהנען צו דיא גרויזאמע שפייז — פלייש. אוים דער נאטור אבער איז דער מענש קיין פלייש עסער. זיין ערשטע שפייז איז געוויס געוועז פרוכט, ווארום אין יעדער צייט אין דער היסטאָריע דער מענשהייט האבען פלאנצונגען גע־שפיעלט דיא הויפט ראָלע פון דעם מענשען'ס עסען. דיא מעהרסטע מענשען אויף דער וועלט, אפילו היינט, לעבען הויפטזעכליך נור אויף תבואה. עס האט געמוזט זיין א שרעקליכער הונגער וואס האָט איהם צו דיא שוידערהאפטע פלייש־שפייז גע־טריבען און האט איהם ענדליך דערצו איינגעוואָהנט. ווארום זאָגט וויא קען עס מעגליך זיין דאס דער מענש וועלכער איז אוים אינסטינקט פול מיט רחמנות, און אז ער דערזעהט א צובלוטיגטע און צוהרגעטע בעשעפענים קען ער באלד אריין פאלען אין א טויט־חלשות אוים מיטלייד, היתכן דאס אזעלכע שפייז זאָל פאר איהם זיין נאטירליך און ער זאָג נאָך דאס עסען מיט נייגירדע און פערגניגען. עס איז בלויז א געוואָהנהייט — א שרעקליכע געוואָהנהייט.

„זאָל מען ניט פרובירט ווערען צו וואס מען קען געוואָהנט ווערען," זאגט א אלטער שפריכ־וואָרט. א בעוויז קען מען נעהמען פון טאבאק. ווער וואָלט עס גאָר ווען גלויבען דאס דער מענש מיט אזא ערדעלען געשמאק פאר אננענעהמעס, וועט זיך א מאָל צוגעוואָהנען צו אזא העסליכע געשמאקלאָזע, ביטערע זאך וויא טא־באק? פון דעסטוועגען האט זיך דיא מענשהייט דערצו אזוי צוגעוואהנט דאס אי־בער א העלפט וועלט קייען, רויכען אָדער שמעקען טאבאק, און דיעזעס ווערט נאך

היינט בעטראכטעט אלס א דעליקאטנער לוקסוס. עס ניבען פיעלע וואס וועלען ניבער פערביינען דעם פערגניגענד צו עסען א גוטען מיטאָג וויא בגעבען דעם פערגניגענד צו בעפריעדינען זייער נייגירדע פאר טאבאק, דאס זעלבע איז אויך מיט שנאפּס פון דעסטוועגען קען מען ניט זאָגען אז דער מענש איז געבאָרען צו קייען, רויכען, שמעקען טאבאק אָדער טרינקען שארפע געטרענקע. דאס צייגט אלזאָ אז צו וואס דער מענש געוואהנט זיך צו, געפינט ער עס נאכהער פאר א נויט־בעדירפטיגע זאך.

רייזענדע דערצעהלען דאס אין איסט־אינדיא וואו אלע אָהנע אויסנאהמע רויכען, קען מען אָפט זעהן וויא א מוטער וואס זויגט א קינד נעהמט זעהר אָפט ארויס דיא ברוסט פון קינד'ס מויל און רוקט אנשטאט דעם אריין דיא פייפ טאבאק וואס זיא אליין רויכט. אויף אזא ארט געוואהנט זיך דאס קינד צו מיט דעם אראמא פון טאבאק, ביז עס ווערט זיין צווייטע נאטור, פרובירט עס איהם נאכהער ניט געבען, איז ער זעהר ערגערליך, קרענקליך און בענקט נאכדעם. דיעזעלבע איז אויך אין אונזערע געגענדען מיט פלייש. דאס קינד געבאָרען פון פלייש־עסענדע מענשען, ווערט פון קינדוייס אן געלעהרענט צו עסען פלייש, דעם ריח פון געבראָטענע פלייש הערט ער נאכאנאנד ביז עס ווערט אויך זיין צווייטע נאטור, פרופט עס איהם נאכהער ניט געבען און ער איז אויס מענש.

איידער מען האָט אָבגעוואָהנט פון קאניבאליזם דיא שווארצע לייט אויף דיא פידשי (Fiji) אינזלען וואס ליגען ביים פאסיפיק ים, האט עס געקאָסט געגוג מיה, נאָך אויף היינטיגען טאָג דע־צעהלען דיא וואס ווייסען, אויב איינער קען אין דער שטיל קריגען א ווייסען מענשען, הויפּטזעכליך א יונג פרויא אָדער א קינד עסט ער עס מיט גרוים נייגירדע.

מען דערצעהלט פון א קינד וואס מען האט פון קינדווייז אָן געהאָדעוועט בלויז אויף פרוכט און פערשיעדענע פלאנצונגען. דיעזעס קינד איז געוואָרען אויפגעוואקסען שעהן, שטארק, אינטעליגענט. דיא חושים זיינען בייא איהם געווען בעזאָנדערס פעהיג. ער האָט געקענט זעהן ווייטער, הערען בעסער, שפּירען פון דער ווייטען ניבער, וויא אלע מענשען ארום איהם. ער האט געקענט פערטראָגען מעהר מידינקייט, איז געווען איבער פרעהלאך און לוסטיג, ניעמאלס געווען מרה'שחורה'דיג און האט קיינע ניעדעריגע נייגונגען געהאט.

ענדליך האָט מען איהם אָנגעהויבען צו שפּייזען אויף פלייש, דעם ערשטען מאָל איז ער באלד אין חלשות אריין געפאלען פון עקעל. דער ריח דערפון האט אויף איהם פירכטערליך געווירקט. ווען ער האט עס אם ענדע געצוואונגענערהייט

נעגעסען, האָט עס זיין מאָגען ניט געקענט פערטראָגען און ער האָט עס צוריק אַרויס־געוואָרפען. מען האָט איהם איין מאָל פערפערטינט א געריכט און דארין איז געוועזען פערמישט פלייש, פון וועלכע ער האָט ניט געוואוסט, ער האט עס אבער באלד דערשפירט און האָט בשום אופן דאס ניט געקענט עסען.

מען האט איהם אבער ענדליך צו פלייש צוגעוואָהנט, און ער האָט עס ליעב געקריגען. אבער אין פערלויף פון צייט איז ער געוואָרען ניט דער זעלבער מענש וואס ער איז געוועזען. זיינע חושים זיינען געוואָרען שוואכער און שוואכער ביז ער איז צום סוף אַרונטער צו דער מדרגה פון אלע.

געוואָהנהייט שפּיעלט א גרויסע ראָלע ביי'ן מענשען. געוואָהנהייט ווערט אין פערלויף פון צייט דיא צווייטע נאַטור. געוואָהנהייט ענדערט דעם ערעלסטען מענש צו אזעלכעס וואס איז איהם אויס דער נאַטור אָבשטויסענד און עקעלהאפט. אין דער קירצליכער מלחמה מיט שפּאַניען, זיינען איידעלע פרויען, אזעלכע וואס וואָל־טען אין דער היים ניט געקענט פערטראָגען דיא בלוט פון א טשיקען, ארום געגאַנ־גען אויף דעם שלאַכט־פעלד אין דיא טייכען בלוט און צווישען דיא בערג צורי־סענע גליעדער פון דיא נהרגים, אזוי געלאסען, אזוי רוהיג, און עס האט אויף זייא אזוי זעהר ווענינג געווירקט, אקוראט וויא זייא וואָלטען נאָר שפּאַצירט אין א בלו־מען גאַרטען, און וואָלטען נאָר געהאט געקליבען בלומען אנשטאט צו באנדאזשירען דיא גרויזאמע וואונדען פון דיא פיעלע פערוואונדעטע — געוואָהנהייט האָט עס געמאכט.

געוואָהנהייט ווירקט אויך אויף אנדערע לעבעדיגע בעשעפעניסע, עס איז בע־וויעזען געוואָרען דאס מען קען לייכט צוגעוואָהנען אפילו בהמות צו פלייש. א געוויר־סער נאַטור פאָרשער האט צוגעוואָהנט א קוה און א שעפּס צו א ביף־סטייק און צו קאַפּע, און זייא זיינען אין פערלויף פון צייט דערצו אזוי צוגעוואָהנט געוואָרען, ביז זייא האָבען אפילו ניט געוואָלט א קוק טהאָן אויף דיא גרינסטע גראָז. מען האט אָבער אויף זייז באלד געסענט בעמערקען דאס עס פעהלט זייא עפּעס, דאס זייא זיינען קיינע נאַטירליכע בריאות.

א וועבסטער אין נויאָרקער טהיר־גאַרטען האָט קירצליך בעריכטעט דאס מאַנקיס, וועלכע זיינען נאַטירליך פרוכט און ניס עסער, קענען לייכט צוגעוואָהנט ווערען צו פלייש. דיעזער מאכל אָבער מאכט זייא זעהר ערגערליך און עס פער־קירצט זייא דיא יאָהרען.

דיא וויסענשאפט ערקלעהרט דאס דער מענש האט קיין עהנליכקייט צו דיא חיות וואס פערצוקען. אין זיין געביידע איז ער עהנליך צו אלע וואס לעבען אויף

פרוכט. צום אראנגשאוטאנג צום ביישפיעל, וועלכער איז ענליך צום מענשען און וועלכער לעבט נאטירליך בלויז אויף פרוכט און ניס, אבוואהל מען קען דיעזען יחסן צוגעוואהנען צו עסען געפילטע פיש, לעבער מיט שמאלץ, טשאלענט, טשור־טאבאק און צו נאך אזעלכע ווילדע מאכלים.

נאך א זאך דארף מען נעהמען אין אנבעטראכט וועלכעס איז מערקווירדיג. אוים דער נאטור פערצוקען חיות נור אזעלכע אנטקעגען וועמען זייא האבען א נא־טירליכע אנטיפאטהיע, וויא דיא קאטץ נעגען דיא מויז צום ביישפיעל, וויא דער וואלף נעגען דעם שעפס, וואס ער מוז עס ערמארדען באלד וויא ער האט נור דיא געלעגענהייט. דער מענש אבער האט קיין שום אנטיפאטהיע צו דיא בעשעפעניסע וועלכע ער פערצעהרט. אדרבה, ער לעבט מיט זייא זעהר גוט, און האט זייא נא־טירליך זעהר ליעב. א קליין שעפסעלע, קעלבעלע, אדער הינדעלע האבען אלע ליעב כמעט וויא א בייבי. עס איז נור דיא אונגליקליכע געוואהנהייט וואס האט איהם איינגעוואהנט דיעזע גוטע און הילפלאזע בעשעפעניסע צו מערדערן פאר זיין שפייז.

אנפאנגס פלעגט דער מענש נור מערדערן ווילדע חיות, בעהויפטען אלע שרייבער וואס גיבען זיך אב מיט דער אלטערטהימליכקייט און אורשפרונג פון מענ־שען. נעבסטדעם האט ער זיך גענומען צו פיש און צו פויגלאך; נאכהער איז ער גע־ווארען נאך מעהר בלוט דורסטיג און האט אנגעפאנגען צו מערדערן דיא אונשול־דיגע און גוטע בהמות וואס העלפען איהם אין זיין ארבייט. שפעטער איז ער גע־ווארען נאך מעהר בלוט דורסטיג און האט פאר ליאד דיא קלענסטע פריטענזיע, פאר דיא גרינגסטע נארושקייט אנגעפאנגען צו פיהרען מלחמות און פערפלייצען דיא וועלט מיט בלוט און בעשפרינקלען געדיכט מיט יתומים און אלמנות — וואו דער ערדעלער תכשיט וועט ענדליך פערקריכען, ווייס מעהר ניט וויא דער שווארץ־יאהר.

עפעס זיינען דיא ערדעלע חושים פון שמעקען און געשמאק אין מענשען אזוי פערדארבען געווארען דורך שמוציגע געוואהנהייטען, דאס קיין ערדעלעס קען ער שוין ניט מעהר פערטראגען, נור צו שארפע, שטארקע, זויערע, ביטערע און אלע אנדערע אזעלכע זאכען ציהט איהם זיין נייגונג. ווען דער מענש איז יונג, אסארשט פריש פון נאט, האט ער א נייגונג צו פרוכט און זיסע זאכען. אזוי האלט עס אן געוועהנליך ביז ער ווערט צוגעוואהנט צו בר־מנן און זיין געשמאק ווערט דאדורך אזוי פער־דארבען אז ער קען אין לויף פון צייט ניט מעהר פערטראגען אזעלכע ערדעלע שפייז, עס האט אזא רייץ פאר איהם וויא שטרוי. בייא דעם יעצטיגען מענשען איז איינ־גערעדט אז ער פערליערט זיין געשמאק פאר פרוכט נור דארום ווייל ער ווערט

עלטער און קליגער; ער בעטראכטעט עס פאר א גרויסע נארישקייט אז מען האט דערצו א נייגונג. פאר קינדער פאסט עס, זאגט ער. נור אז אך און וועה איז שוין צו אזא חכמה. דער מענש ווייסט ניט וויא גרויס זיין פערלוסט איז ווען ער פערליערט זיין עדעלען געשמאק. וועה צו דעם מענשען אז מערדערן און אויפעסען אלערלייא אונפאסיגע בריאות איז א חכמה, און צו האבען א נייגונג צו פרוכט איז א קינדערשע נארישקייט.

# קאפיטעל 5.

מילא אויב איינער עסט פלייש ווייל ער איז געצוואונגען דערצו דורך אומשטענדען, ווייל זיין אפעטיט און זיין געוואהנהייט זיינען שטארקער וויא זיין ווילען און כאראקטער, איז עס נאך וויא עס איז פערצייהליך; נור ווען איינער שפארט זיך נאך, און האלט כסדר אין איין טענה׳ען דאס דיעזער ארט שפייז איז אויס דער נאטור דער ריכטיגסטער; אדער ווען ער נעהמט נאך דיא פרעכהייט צו בעהויפטען דאס זיין רעליגיאן, וואס אויסער עס בעשטעטיגט אזא מין ארט שפייז הייסט עס און פאדערט נאך זאגאר צו מערדערן לעבעדיגע בעשעפעניסע און זייערע פלייש צו נעברויכען אויף זיינע שבתים און ימים טובים, וויא כפרות שלאגען למשל, אדער וויא מאנכע בעהויפטען אז עס איז א מצוה צו עסען בשר ודגים אום שבת און עס איז איינע פון דיא גרעסטע מצות צו עסען א שעפסענע קאפ אום ראש השנה — דער וועם עס טהוט אזא זאך אין דעם נאמען פון רעליגיאן און איז נאך ניט משוגע אויף טויט, דער צייגט איין היפאקריטישען און געמיינעם גייסט, וויא עס פאסט פאר איין עכט קאלט־בלוטיגען מערדער.

וואס איז נאך אזוי גרויזאם וויא דיא סצענע וואס מען זעהט אין מאנכע אידישע הייזער ערב יום כפור — דיא נאבעלסטע צייט אין יאהר פון יעדען רעכט־דענקענדען אידען. צו בעטראכטען דיא פאנאראמא דארטען וויא עס ליעגען אין דיא ווינקלען היהנער און העהנער, זייערע פיס און פליגעל געשוואלען, צושניטען מיט שטריק מיט וועלכע זייא זיינען געבונדען; ליעגען און צאפלען זיך און קרעכצען נעביך

ביטערליך, וואס איז? דער מענש האט געזינדיגט, האט אונרייניע געוויסען און האט בלוט־שט מורא פאר גאט, דערפאר דארף ער אפפערן אונשולדיגע בלוט פאר א קרבן אום מכפר צו זיין אויף זיינע זינד. אויב ער האט אזוי שטארק מורא פאר זיינע זינד, דאן דארף ער זיך איינהיטען ניט אזוי פיעל און אזוי נעדיכט צו זינדי־גען; וויל ער אבער דוקא זינדיגען, טא ווארום געהט ער ניט אליין א כפרה פאר זיך און פאר'ן גאנצען כלל ישראל? פאר וואס זאלען עפעס אונשולדיגע בעשעפע־ניסע נעביך ליידען און געהן פון דער וועלט פאר דער צייט דארום ווייל איהם ווילט זיך זינדיגען? מיט וואס פאר א רעכט קען דאס עפעס אזא תכשיט צונעהמען א לעבען פון א בעשעפענים, א זאך וואס ער האט ניט געגעבען, קען צוריק ניט אוועק־געגעבען, אדער עס בעפריעדיגען נאכהער וויא ער האט עס בערויבט?

אויב צום ביישפיעל דיא „נפילים" — דיא ריעזען, פון וועלכע דיא תורה דערצעהלט אונז, וואלטען נאך היינט אויף עקסיסטירט, און זייא וואלטען אויך גע־האט אזעלכע משונה'דיגע מנהגים וואס וואלטען פאדערן אז זייא זאלען נעהמען שוואכערע בעשעפעניסע און מיט זיי שלאגען כפרות; און זיי, דיא הויכע דייטשען, דיא נפילים, וואלטען פאר א ביישפיעל, געכאפט איינעמס א שווינער און מיט איהר אבגעשלאגען כפרות. שטעלט זיך פאר וואס עס וואלט זיך דאן אבגעטהאן! דיא וועלט וואלט דאך אויף געוועזן מיט דיעזע גרויזאמקייט. מען וואלט באלד פערופען איין אסיפה — א מאסענפערזאמלונג, וואו יעדערער וואלט ארויס געצייגט זיינע חכמות, און מען וואלט שטארק דעבאטירט, אין מען וואלט זיך געקאכט, און פראטעסטירט! מען וואלט פראטעסטירט און גערעדט גערעכט ארום יושר, און מען וואלט יענע לאנגע דייטשען געמאכט צו קויט און צו בלאטע פאר אזא גע־מיינע האנדלונג. און אויב עס וואלט נור געוועזן מענגליך וואלט מען זיך נוקם ונוטר געוועזן אן זייא. עפעס א קלייניגקייט שלאגען כפרות מיט א שווינער! און דא נעהמט מען שווינערס און מען שלאגט כפרות מיט זייא פראנק און פרייא, און דאס נאך אין דעם נאמען פון גאט!

אין דעם נאמען פון גאט אז מען עסט בר־מנן איז א נידערטרעכטיגע גע־מיינהייט. וועלכע אלע נביאים האבען פערדאמט. עס איז עפעס אזא מין אונ־פערצייליכער פערברעכען, דאס עס האט דיעזע געטליכע מענשען נאכאנאנד אויפ־גערעגט. כמעט יעדער נביא דונערט מיט זיין שטימע נעגען דיעזע היפאקריסי, וויא איך וועל אין א שפעטערדיגען קאפיטעל צייגען באריכות. לאז יעדער רעכט־דענקענדער מענש בעטראכטען דיא גרויזאמקייט וויא א שוחט שטעהט איבער א היקפקאזע אונשולדיגע בעשעפענים, וואס האט איהם קיין שלעכטעס

נעטהאָן, א בעשעפּענים וואס זעהט וויא ער, וואס הערט וויא ער, וואס פּער־
שטעהט, וואס געהט, וואס עסט, וואס טרינקט, וואס שלאָפט וויא ער; וואס
איבערשטייגט איהם אין שטארקייט, אין שנעלקייט, וואס קען מעהר אויסהאלטען
מידינקייט, וואס איז מעהר געדולדיג, וויאס האט מעהר קוראזש, וואס ליעבט און
איז געטרייא — און אזא לעבעדיגע, געפיהלפאָלע בעשעפּענים, איז ער אזו ערבאַ־
רעמליך נענוג קאלט־בּליטיג צו מערדערן, און האָט נאָך דיא חוצפּה צו מאכען א
ברכה; „ברוך אתה יהוה אלהינו מלך העולם אשר קדשנו
במצותיו וצונו על השחיטה!"

איהר פערשטעהט האָטש וויא ווייט א מענש קען ווערען פּרעך? אריין צו
זאגען א ליגען מיט א גרויסען למ"ד גאָט אין דיא אויגען, אז ער — דער אל רחום
וחנון, האָט עס איהם, דעם טהייערען תנא ברא, געהייליגט מיט דער מצוה פון
מערדערן! אזוי פיעל חוצפּה קען נור בעזיצען א שוחט — און פּוטיפר'ס ווייב.

איך פערשטעה נים דעם פיהרונג פון שדי און וויים נים וואס עס טהוט זיך
דאָרט העכער פון מיר, און איך קען דערפאר נים בעהויפּטען אויף געוויס אויב עס
איז ווירקליך דאָ א גן־עדן און גיהנום וויא מאנכע פערזיכערן, אָדער נים. נור איין
זאך וואָלט איך אָבער געוואָלט בעמערקען, דאס אויב עס איז חלילה קיין גיהנום
ניטאָ פאר אזעלכע היפּאקריטישע חברה, דאן זאגט וואס איהר ווילט, האט אזא
מקום זעהר נעטהיג יא געדארפט זיין. און אויב צווישען דיא פּהילאנטראָפּען,
הייליגע נבאי'טעס און עוסקים־בּצרכי־צבור'ניקעס געפינען זיך אזעלכע וואס וואָלטען
זיך אונטערנענומען צו בויען אזא מין מקום, דורך א סובסקריפּשאָן־פּאָנד, דאן וואָלט
איך דער ערשטער זיך דארויף אונטערגעשריעבען און א האלב פון מיין קעניגרייך
וואָלט איך מנדב געווען אויף אזא הייליגען צוועק. נאָר ביז עס וועט נאָך עפּעס
ווערען, וואָלט גלאט נים געשאדט צו פּערופען א פאר מאססענפערזאמלונגען און שוין
דערווייל זיך א לאָז טהאָן איבער דער מדינה און געהן אויסקלייבען אויף דעם
רעכנונג פון דעם נייען בנין, וועלכע פיעלע גיבען יעצט צו אז עס איז זעהר נעטהיג
פאר אזא היפּאקריטישע כנופיא — פאר דיא וואס מערדערן אין נאמען פון גאָט —
פאר דיא שועלים וואס זיינען דיא איינציגע פעראנטוואָרטליך דארום וואס מענשען
עסען פלייש. ווארום אויב עס וואָלט נים געווען וועגען דיעזע קייט — שוחטים און
דיא קצבים, איז נאך דער מענש נים אזוי אונערבארעמליך דאס ער זאָל מערדערן
א לעבעדיגע בעשעפּענים יעדען מאָל ווען ער געהט עסען א מאָהלצייט; און קיי־
נער פון אונז, אויסער עמלק'ס שותפים וואָלט עס אזוי גיך נים געטהאָן. נור אז
מען קריגט שוין דיא סחורה פערטיג געמערדעטע, שעהן פערפערטיגטע, דאן איז

שוין ניט אזא גרויסער וואונדער אז מענשען נעפינען דארויף איין היתר.

דיא זעלבע חאלאסטרע וועלכע האבען אין זייער יוגענד געפליקט און צוריסען פליגען — בלויז פאר א שפאס; דיא יעניגע לייט וועלכע האבען קינדוויים געטראָ־טען אויף אינזעקטען בכיון — בלויז אוים פערגניגענד; יענע געשליפענע אדעל־לייט וועלכע פלעגען יונגערהייט בראָטען פרייסלאך אויפ'ן אייוועז — בלויז אוים צייט פערטרייב; דיעזע אריסטאָקראטען זיינען געוואָרען ווען זייא זיינען אויפגעוואקסען — קצבים. ניט אומזיסט זאָגט דער תלמוד אויף זיי: „טוב שבטבחים שותפו של עמלק.“ מען קען פון דיעזעם אונגעפעהר האבען א בעגריף וואס פאר א טהייערער סוחר עמלק איז געווען, אז דער בעסטער בוטשער איז זיין שותף.

ווער פון אונז וואָלט וועלען אז זיין קינד זאָל ווערען א בוטשער? פאר וואָס טאקע ניט א בוטשער? אויב עס איז איין אָרדענטליכע פרנסה, טאָ ווארום ניט א בוטשער? נור פון דעסטוועגען וויל דאס קיין עדעלער מענש ניט. ווייל אונזער אינ־סטינקט לערנט אונז אז „שוחט השור מכה איש“ — דער וואס מערדערט א אָקס איז גלייך מיט אלע מערדער צוגלייך, און דאס איז דיא אורזאכע ווארום מיר האבען אלע אזא פעראכטונג דערפאר.

נור שעהן איז צו זעהן וויא צווישען אחינו ב״י פונגירט נאך א שוחט אלס א הייליגער מענש. אין דערזעלבער צייט ווען מען ערלויבט ניט אזא איינעם צו זיצען אין א דזשורי אין גאנץ ענגלאנד, ווייל מען האלט ניט אז א שוחט־השור זאָל זיין פע־היג צו האבען א גענויען בעגריף און זאָל קענען ריכטיג אורטהייליען צווישען רעכט און אונרעכט — אין דערזעלבער צייט שפיעלט נאך זאָ איינער בייא אונז א פראָ־מינענטע ראָלע אלס א מין גייסטליכער, רחמנא לצלן. אזא איינער איז געוועהנליך א מוהל, א מסדר קדושין, א חזן — א גאנצער „יא טעבע דאם,“ און רופט זיך גע־וועהנליך „רעוורענד“ (עהרעווירדיגער); און אז מען דערכאפט אזא קאָסטימער פליקענדיג פעדערן פון א טשיקען וואס האט נאך אלע געפיהלען פון לעבען, זויא עס האט פאסירט אין פהילאדעלפהיא מיט א קורצע צייט צוריק*, איז ער זיך מישב און טיטולירט זיך נאר מיט דעם טיטול „רב;“ און דיא צייטונגען בעריכטען נאכהער באריכות און מאכען חוזק וויא אזוי בייא אידען פליקען פעדערן זייערע רבנים, און דיעזע לייטע זיינען נאך אזוי אונערבארעמליך געגוג, דאס זייא פליקען געוועהנליך דיא פעדערן ווען דיא געפליגעל לעבען נאך. אזא געשיכטע גיבט דעם אידען נאטירליך צו זעהר פיעל חן מיט ליטזעליגקייט. ווארום וואס פאר א בעגריף

*) אזא פאל האט פאסירט אין פילאדעלפיא דעם 27טען דעצעמבער 1898.

קען מען ווירקליך האבען פון א פאָלק וואס זייערער א רב שטעהט אירגענדוואו אין א שמוציגען שטאהל אָנגעטהאָן בגדי־מלכות, מיט גרויסע שטיוועל פערשמירט מיט בלוט און בלאָטע און קוילעט דאָרט און פליקט פעדערן בשעת דיא בעשעפעניס האָט נאָך אלע געפיהלען פון לעבען ? קען מען ערווארטען עפּעס אַנדערש וויא לענ און קלם ?

זייט מען האָט אָנגעפאנגען צו בעטראכטען א שוחט פאר א הייליגע זאך — פאר א כהן־גדול ; זייט א בוטשער שאפּ איז געוואָרען עפּעס א מין טעמפּעל — דורך וועלכען לייטע מיינען אז זייא דיענען גאָט ; זייט דער געגרייטער טיש מיט בר־מנן איז געוואָרען עפּעס א מין מזבח — אויף וועלכען לייט זיינען מקריב בשר־דגים לכבוד שבת : זייט רבנים זיינען געוואָרען אנענטעז פאר שלאכט־הייזער און האבען פערשלעפּט דיא שעהנע אידישע רעליגיאָן אין דער קיך — זייט דאן האָט ליידער דער יודענטהום פערלאָרען אָהן א שיעור פון זיין גלאַנץ. דער אינטעליגענ־טער עלעמענט מאחינו ציהען זיך צוריק מיט עקעל ווען זייא זעהען דאס אנשטאט איין עם חכם ונבון, איין עם כהונה וגוי קדוש, וויא מיר האבען בעדאַרפט זיין, זייד נען מיר נאָר געוואָרען איין בשר־כשר געזעלשאפט, עפּעס א מין פעראיין וואס מעהר וויא פון זאבען וואָס אנבעלאנגט דיא אכילה אינטרעסירט אונז נים. ווער מיט פער־שטאנד קען צוזעהן אזעלכע לעבערליכע זאכען וויא עס געהן פאר היינט אין דער אידי־שער מחנה און קען בלייבען גלייכגילטיג דערבייא ? דאס איז טאקע דיא אורזאכע וואָרום מיר האבען אזוי פיעל סעקטען און ווארום מיר האבען קיין שלום פון אינע־ווענינ — דער גרעסטער אונגליק פאר אידען פון אייביג אָן.

# קאפּיטעל 6.

דער יעניגער וואס איז בעקאנט מיט דעם אינסטינקט וואס הערשט בייא חיות, וועט אייך דערצעהלען דאס זייא פיהלען אויך ווען מען טהוט זייא וועה, דאס זייא שפּירען אויך ווען מען בערויבט זייא פון וואס עס איז בייא זייא ליעב. איך האָב שוין א מאָל אליין געזעהן וויא נאכהער אז מען האט צוגענומען א יונגע קעל־בעל פון איהר מוטער האָט זיא — דיא מוטער, געברומט מיט א ביטערליכען ניגון, אקוראט וויא זיא וואָלט זיך געהאט געבעטען דאס מען זאָל איהר אָבגעבען איהר

טהייערקייט. מען האט איהר גאר ניט געקענט איינשטילען. נאכהער וויא דער כהן־גדול, רחמנא לצלן, האט געמערדערט דיא קעלבעל, האט מען איהר פעל ארונ־טער געצויגען און מען האט עס אנגעשלאגען אין וואנד פון שטאהל בכדי עס זאל זיך שנעל אויסטריקענען אום מען זאל קענען וואס גיכער מאכען שעהנע שטיוועל פאר א פאר פראנטען. ווען דיא קוה — דיא מאמע פון דיא קאלב האט דיא פעל־כעל פון איהר קינד דערקענט, האט זיא ארויס געגעבען א געשריי, וועלכעס איז ווירקליך געווען א זעקה גדולה ומרה, דיא אונגליקליכע מאמע האט נאכהער דיא פעל פון איהר קינד נאכאנאנד געלעקט, ביז מען האט עס געמוזט ארונטער נעהמען.

צו בעטראכטען וויא א הוהן בעשיצט איהרע קינדער מיט איהרע פליגלען און וויא זיא שיצט זייא פון קעלט, פון א שונא און בעזארגט זייא מיט עסען, וועלכע צוברעקעלט פריהער אויף קליינע שטיקעלאך און קארמעט זייא, מוז מען צוגעבען דאס זייא האבען געפיהל וויא מיר יחסנים.

שעקספיר זאגט. דאס איין זשוק אויף וועלכען מיר טרעטען ארויף און טעד־טען, האט גראדע אזוי פיעל שמערצען שטארבענדיג וויא דער גרעסטער ריעז.*

וויא פיעל מענשען ווייסען, וועלכע שמערצען און יסורים דיא ארעמע בהמה אדער עוף געהט פריהער דורך איידער זיא איז ערמארדעט געווארען. קען מען דאס גאר שילדערן, דענקט איהר? נור דיא שרעקליכע סצענעס וויא דיא ערמארדעטע בהמה ליעגט אין א טייך בלוט און צאפעלט זיך מיט דער נסיסה איידער זיא הויכט אויס איהר לעבען, ווערט זעהר זעלטען בייגעוואהנט בייא אזעלכע וואס וואלטען בלתי ספק געווארען געריהרט אז זייא וואלטען עס זעהן; און זייא וואלטען שוין נאכהער ניט געגעסען מיט אזא שמחה און נייגירדע דעם קערפער פון אזא ברוטא־ליש געמערדערטע בעשעפענים און פערפערטיגט אלערלייא מטעמים דערפון, נור זייא זעהען עס זעלטען. און וואס דיא אויג זעהט ניט פיהלט ניט דאס הארץ.

אזעלכע ברוטאליטעטען וויא עס איז אפט צו זעהען אין דיעזע ערטער וואו מען שעכט און מען מערדערט דיעזע ברואים איז איינפאך גרויזאם. איך האב שוין אליין געזעהן אין א פלאץ וואו עס ווערען געשאכטען פיעל געפליגעל, וויא עופות זיינען געפליקט געווארען אזוי שנעל וויא דער שוחט איז נור אריבער געפאהרען מיט זיין חלף איבערן האלז און דער עוף האט נאך געהאט אלע געפיהלען פון לעבען. דאס ווערט אפט געטהאן בכדי עס זאל אויסזעהן שעהן און ניט ארום געריסען; ווארום

* Measure for Measure, Act 3. Sc. I.

ווען דער עוף ווערט אָבגעקיהלט און עס ווערט דאן געפליגט, רייסט זיך אָפּ דיא הויט, דעריפאר מוזען זייא געפליקט ווערען לעבעדיגערהייט, קאַטשקעס וועלכע זיינען בעוואוסט צו לעבען און ארום צו געהן נאך דער שחיטה א רעכטע צייט, ווערען אויך אזוי אונערבארעמליך געפליקט; און דיא פּאנאראמא צו בעטראכטען וויא א אָבגעפליקטע קאטשקע געהט ארום און עס טריפט בלוט פון איהר וואו זיא שפּאַצירט ארום, דארף ערוועקען, איך וועל שוין ניט זאגען רחמנות, נור יעדענפאלס עקעל און אויפרעגונג אין דער מענשליכער ברוסט אויף אזא ניעדערטרעכטיגע האנדלונג. דאָך מאכען נאך אפילו אחינו א גאנצען פּאראד פון אזעלכע געריכטע און זייא מאכען נאָך א ברכה אויף דעם, אקוראט וויא דער אל רחום וחנון וואלט נאר אנערקענט אזא מין ברכה.

און אזוי פערהארטעוועט איז שוין דער מענש געוואָרען אז עס קימערט איהם שוין נאָר ניט מעהר דיא גאנצע געשיכטע. ווען ער עסט דיא קעפּלאָך, פּיסלאָך, פלינעלאָך פון א וועזען וואָס איז געווען גאריש גענוג אין איהם זיך איינצופערטרויען, איהם העלפען אין זיין ארבייט, איהם בעזאָרגען מיט עסען און קליידונג (מילך, אייער און וואָל); ווען ער עסט דיא צושטיקעלטע גליעדער פון אזא גוטע בעשעפענים, שמאַצעט ער נאָך דיא ביינדעלאָך דערפון מיט אזא בלוט-דורשטיגע נייגירדע אז עס איז איינפאך שוידערהאפט. און נאכהער אז דיא בני-בית האבען עס שוין אויפגעגעסען ביז מעהר ניט וויא דער סקעלעט איז פערבליעבען, זיינען נאך אנדערע מענשען געמיין גענוג צו מאכען קנעפּלאָך און פּייפלאך זיך צו שפּיעלען, פון דיא ביינער, אזא בענעהמונג איבערשטייגט שוין אפילו דיעזער פון פערצוקענדע חיות. דאס קינד ווען ער זעהט עס אָפּט געוואָהנט זיך צו אזעלכע גרויזאמקייטען איידער ער פערשטעהט נאך אליין צו אורטהיילען. ער זעהט וויא מען סערווירט א שטיק צו הרג׳עטע פלייש צו מיטאָג יעדען טאָג; ער זעהט אויך אָפּט וויא מען נעהמט א לעבעדיגע זאך און מען ערמאָרדעט עס קאלטבלוטיג; ער זעהט וויא דיא מאמע „מאכט שבת“ דאדורך וואס זיא נעהמט א לעבעדיגען קארפּ און צוהאַקט איהם אין שטיקער, בעזאלצט און בעפעפערט עס גאנץ גוט פריהער און נאכהער ווארפט זיא עס אריין צאפּלענדיגערהייט אין קאָכעדיגען קעסעל וואסער; ער זעהט וויא דיא זעלבע מאמע ברעננט א שעפּסענע קאָפּ מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, פערבלוטיגט, ארום געריסען, דער צונג ארויסגעשלעפּט, און דיא גרויזאמקייט ווערט פערפערטיגט מיט גרויס פּאראד לכבוד יום-טוב — אויף ראש-השנה, ווען עס איז „מצוה“ גמורה צו עסען אזא גרויזאמקייט; ער זעהט דיא אלע זאכען גאנץ

ער געוועהנט זיך צו אזעלכע סצענעס און ווערט דאדורך הארט-הערציג. דער

סוף ווערט אז ווען ער זעהט דערנאך ליידען, וועהטאג און שמערצען צווישען זיינע אייגענע ברידער קימערט עס איהם נאבהער וויא דיא קאטץ.

„מען האט דאך דעם מענשען געגעבען געוועלטיגונג איבער אלע לעבעדיגע בעשעפעניסע" טענה'ן דיא פרומע לייט. יא אמת אז מען האט אייך געגעבען גע־וועלטיגונג איבער אלע בעשעפעניסע אויף דער וועלט, געוועלטיגונג אבער מיינט נאך נים מערדערן. א טאטע געוועלטיגט איבער זיין קינד, אבער דאס גיבט איהם נאך קיין רעכט איהם צו מערדערן. און אז פיעלע פרויען געוועלטיגען היינטיגע צייטען איבער זייערע מענער, קענען זייא פון דעסטוועגען זייא אויפעסען אין גאנצען? מעהר וויא אָבעסען דיא הארץ טאָרען זייא נים. לא תרצח! האט מען איין מאָל פאר אלע מאָל אָנגעזאָגט, און אזוי וויא „לא תגנב" האט עס קיין גרענעץ. מען קען נים פערטייטשען דעם לא תגנב אויף פערשיעדענע ארטען וויא עס פאסט אייעם, און מאכען א אונטערשיעד אז איין דאָלאר טאָר מען נים גנב'ע־נען, אבער א מיליאָן דאללאר מעג מען יא גנב'ענען — וויא עס ווערט היינט אי־בעראל פערטייטשט. מען דארף נים גנב'ענען און איין ענדע דערפון. מען טאָר נים מערדערן און א סוף! נעהם נים צו א זאך וואס דוא קענסט נים צוריק אָבגעבען — אייגענטהום אָדער לעבען, דאס איז דיא הויפטזאך פון דער תורה, דאס איבעריגע גנעה און לעהרען.

רחמנות איז א אייגענשאפט וועלכע איז טיעף פערפלאנצט אין דעם מענ־שען'ס ברוסט, און ער דארף דיעזע אייגענשאפט בענוצען נים נור צו מענשען אליין זאָנדערן אויך צו אנדערע ברואים אויף גאָטעס וועלט, ווארום דיעזע אונשולדיגע בעשעפעניסע פערדיענען עס צוליעב זייער פריינדליכקייט וואס זייא צייגען צו דער מענשהייט אָהנע אונטערשיעד אויב איינער איז א איד, קריסט אדער מחמר'א־נער. זייא קייסטען הילפע יעדען אנאל. מיר דארפען זייא דערפאר דאנקבאר זיין און זייא גוט בעהאנדלען. זייא פערדיענען עס — דאס ווייסט איין גאָט. מיר זיינען זייא עס גאנץ איינפאך שולדיג — און עהרליכע מענשען בעצאהלען געוועהנליך זייערע שולדען.

# קאפיטעל 7.

א פערדארבענער אפעטיט און איין איינגענוצינער פרינציפ האבען יעצט מעהר דעה אויף דיא געפיהלען פון מענשען וויא שכל און רחמנות. דערפאר איז דער מענש פון היינט ניט מעהר דאס וואס דיא נאטור האט איהם בעאבזיכטינט צו זיין. עס האט זיך עפעס ענטוויקעלט א גאנץ נייע בריאה אויף וועלכע דיא נאטור קוקט מיט ערשטוינונג און דערקענט ניט. עס איז עפעס איהרע און דאך ניט איהרע. שלום שלום ואין שלום. דוכט זיך עס איז נאך אלעס אין זעלבען פארמאט, בצלמו בצלם דמות תבניתו, און דאך ניט דער ריכטיגער ארטיקעל. דאס געוועהנליכע געזיכט אפילו, נור דיא געזיכטס־ציגע זיינען געפעלשט. עס בעזיצט ניט מעהר דיא נאטירליכע סימפאטהיע—עס איז עפעס געשטעמפעלט מיט קאלטקייט, הארטקייט, אונערבארעמליכקייט און מרה־שחורה. דיא אויג אויך, איז עפעס גאר אנדערש. אנשטאט צו בעזיצען דעם נאטירליכען חן און גלאנץ, איז עס עפעס אין קאליער און אין אויסדרוק מעהר עהנליכער צו פערצוקענדע חיות. הכרת פניהם ענתה בם וחטאתם כסדום הגידו לא כחדו אוי לנפשם כי גמלו להם רעה״ (ישעיה ג׳).

איהר מענט זאגען וואס איהר ווילט, איהר מוזט אבער צוגעבען דאס עדעלע וועגעטאריאנישע שפייז האט ניע ענטוויקעלט דיא פיעלע גנבים, מערדער, שווינדלער, היפאקריטען און א יסנעלאסענע באנדיטען. וועהרענד מען קען ניט זאגען דאס אלע פלייש־עסער זיינען פערד־גנבים, דאך וועט ניעמאנד וואגען צו פערלייקענען דעם פאקט דאס אלע פערד־גנבים זיינען פלייש־עסער. פאר אלע שרעקליכע טהאטען וואס מענשען זיינען בעגאנגען פון נירון קיסר ביז צו דעם בכור השפחות פון היינטיגע טיראנען, איז נור דאס פלייש־עסען פעראנטווארטליך. ווארום אום וועגעטאריאניש צו לעבען, בעדארף מען ניט פיעל און דיעזע ביסעל קען מען לייכט בעהויפטען אויף איין ארדענטליכען ארט, אהנע צו גנב׳ענען, אהנע צו מערדערן, אהנע צו בעשווינדלען. נור לוקסוס צווינגט דיא פראסטע און אונענטוויקעלטע חברה צו בענעהן פערברעכען, זיך נאך צו יאגען נאך מעהר רייכקייט, צו אפפערן זייער פרייהייט, צו מאכען א געשעפט מיט נערעכטינקייט, זיך אליין צו רואינירען און צו רואינירען אלע ארום זיך, און צו אפפערן דעם פערגניגען פון א ריינעם געוויסען.

מען דערצעהלט פון א וועגעטעריאנער. וואס האט א מאל אין דיא צייטונגען געלאזט אנאנסירען אז ער וועט צאהלען א געוויסע סומע דעם יעניגען וואס וועט איהם איבערצייגען דאס א וועגעטאריאנער האט זיך אליין דעם לעבען גענומען,

אָדער איינעם וואס איז בענאנגען א פערברעכען, אדער איינעם וואס איז משונע.

פערברעכען איז משונעת, משונעת איז א קראנקהייט, א מענש וועלכער איז פאלשטענדיג געזונד וועט ניעמאלס בעגעהן א פערברעכען. ער קען עס ניט טהאָן, ווייל זיין שכל און יושר וועלען עס בשום אופן ניט ערלויבען. אום צו בעגעהן א פערברעכען מוז איינער זיין קראנק אין זינן אָדער אין חאראקטער. ווען דער אורשפרונג פון דיעזער קראנקהייט זאָל געווי אונטערזוכט ווערען, גיבט עס גאָר קיין צווייפעל דאס מען וועט עס פאסט אימער געפינען אין בוטשער־שאפ. בלוטיגע ביף־סטייק, זיין פלונית'טע — משקה וועלכע געהען בעקאָמפּאַניע אין איינעם, אימער און אייביג; און זייער אונציכטיג, אונעהרליך קינד—ניאוף, וואס דיעזע פאָר פאָלק געביהרען געוועהנליך, ברעננט צו אל דיא צרות, צו דיא קראנקהייט וואס פיהרט צו דיא משונעת, צו דיא משונעת וואס צווינגט דעם מענשען צו בעגעהן פערבעכען.

דיא אלע נייגונגען צו אונזיטליכעס און שמוטציגעס האָט דער מענש ערוואָרבען נאָר פון פלייש־עסען. דיעזער מאכל האָט אזא טייפלישע קראפט אויף דיא ניעדריגע נייגונגען פון מענשען דאס עס ווענט אריבער זיין שכל און מאכט איהם פאר א איינפאכע בעסטיע.

דורכשניטליך ווייס מען דאס דיא אלע נאַציאָנען וואס לעבען אויף פלייש זיינען מעהר אייסגעלאסען און מעהר אונערבארעמליך וויא דיא נאַציאָנען וואס לעבען וועגעטאריאניש. דיא אלע וואס זיינען בעקאנט אין דער היסטאָריע פאר בלוטדורשטיגע און בארבאַרישע באַנדיטען, האבען אלע געפרעסען פלייש, דאגעגען אלע וואס האבען זיך ארויס געוויזען פאר עדעלע און געלאסענע מענשען האָבען אָדער גאָר קיין פלייש ניט גענעסען, אָדער בלויז זעהר וועניג.

דיא טארטארען, וועלכע זיינען בעקאנט פאר דיא גרעסטע באַנדיטען אויף דער וועלט, לעבען הויפטזעכליך נור אויף פלייש; דאגעגען דיא „בראהמיטס" (אָדער וויא מאנכע רופען זיי דיא „אבראהמיטס" ווייל מען רעכענט אז זיי שטאַמען פון אברהם אבינו) וועלכע לעבען נור אויף פלאנצונגען און פרוכט, זיינען בעקאנט אין דער וועלט פאר דיא אָרדענטליכסטע און צערטליכסטע מענשען אויף דער וועלט, צעהן טויזענד מאָרדפעלע פאסירט א יאָהר אין אמעריקא, וועהרענד אין אינדיא און יאפאן וואו וועגעטאריאניזם האָט דיא אויבערמאכט, איז א מאָרדפאל כמעט אונבעוואוסט. דיעזע לענדער האבען דעם קלענסטען צאָהל פערברעכער וויא אלע אנדערע לענדער אויף דער וועלט. דאך שיקט מען אהין מיסיאָנערען זיי צו ציוויליזירען. הלואי וואָלטען דיא דאָרטיגע מענשען געהאט שכל צו טהאָן דיעזעלבע און שיקען זייערע מישוחים אין אונזערע מקומות, דיא היזיגע לייט ו ציוויליזירען.

# קאפּיטעל 8.

דאס דער מענש איז אונטערוואָרפען צו קראנקהייט און געפאהר דורך דאס פלייש־געניס, איז א בעוואוסטער פאקט. איך האָב שוין א מאל געזעהן וויא אויף א קוה פון מיינעם א בעקאנטען האָט זיך ענטוויקעלט א גרויסער געשוויר, נאכדער נאך איינער און נאך איינער. דיא קוה וועלכע איז געוועהנליך געוועזען זעהר א גוטע, האָט אויפגעהערט צו געבען איהר בעשטימטע מאָס מילך און איז געוואָרען עפּעס ניט מיט אלעמען. פון טאג צו טאג איז זיא געוואָרען ערגער, ביז איהר איינגענטהימער האָט בעשלאָסען אז זיא טויג ניט מעהר פאר איהם און האָט איהר פערקויפט צום קצב פון דעם מקום. דיעזער האָט איהר אוועק געשיקט צום שוחט און יענער מאכער מיט א פרום פּנים'ל, האָט פערגלאָצט זיינע אויגען צום הימעל, האָט געמאכט דיא געוועהנליכע ברכה און האָט מיט'ן חלף איהר פערטיג געמאכט. ווען מען האָט דעם בר־מנן בודק געוועזען האָט מען בעשיינפערלאך געזעהן אז זיא איז ניט רעכט כשר. מען האָט געשיקט פרעגען א שאלה צום רב, נור אזוי וויא יענער איז געוועזן א גרויסער מקיל, האָט ער עס ערקלעהרט פאר כשר, און דיא קוה האָט מען דערויף אויפגעגעסען ביז דיא קנעפלאך.

דיא קוה איז נאטירליך געוועזען א טויט קראנקע. עפּעס האָט זיא זיך געהאט אנגענומען א קיהישע קראנקהייט. מעגליך דאדורך וואס זיא האָט אראָפּגעשלונגען א פּאָר פ:ראסטעטע טשוועקעס וועלכע זיינען אינערליך געקומען אין בעצוג מיט איהר בלוט. אפשר דערפאר וואס זיא האָט ניט געקליבענערהייד געגעסען גיפטיגע גראָז, אָדער אינזעקטען אזעלכע וואס האבען איהר פערגיפטעט. בהמות זיינען ניט פיעל מקפּיד. זייא שלינגען אראָפּ אָהנע ישוב הדעת אלעס וואָס קומט זייא אין אין ווענ. איך האָב שוין געזעהן איינמאָל וויא מען האָט אוועק געריקט איין אלטע ברעט פון דער ערד, און זאָל מען דאס ניט זעהן וואס מען האָט דאָרט געזעהן. דער גאנצער מקום איז געוועזן בעלאגערט מיט שפּינען, ווערים און אלערלייא עקעלהאפטע אינזעקטען. דערבייא האָט שפּאצירט א טשיקען מיט איהר גאנצע חאלאסטרע און וויא זייא האָבען דיא זיסע מציאה דערזעהן, האבען זייא זיך א לאָז געטהאָן דערויף

און האָבען בחפזון געהאַפּט און ארונטערגעשלונגען דיא אלע אינזעקטען וויא זיי שטעהן און געהען לעבעדיגערהייט. נון איז דען א וואונדער וואס א בהמה אדער עוף ווערט אויך אָפּט קראנק? איבריגענס זיינען זייא קיינע מאשינעס. זייא זיינען ניט געבויט פון האַלץ. אויף זייא ווירקט אויך אָפט א שלעכטער וועטער, וואס שוואכט זייא אָפּ, פערמאטערט זיי און מאכט זיי קראנק. קורץ דיא קוה איז געווען טויט קראנק און דאדורך וואס מען האָט דיעזע בהמה געשטעמפּעלט „בהכשר הרב הגאון ר׳ שמעיה־יאקעל מחאוואקלישאק" און מען האָט איהר אויפגעגעסען, האט מען מיט איהר צוזאמען איהר קראנקהייט אויך אויפגעגעסען.

יעצט שטעלט זיך פאר דעם געפאהר פאר דיא יעניגע וואס האָבען דיעזען טויט־קראנקען בר־מנן אויפגעגעסען! ווען מען קריגט פלייש פון געזונדע בהמות אפילו, צוקאָכט עס און צורייצט אויך געגוג דיא געבליטען מעהר וויא עס איז נעד־טהיג און עס אונטערווארפט איינעם צו ליאד א קראנקהייט וואס שפּאצירט ארום אין דיא קופּ; ווארום אזוי וויא א שוועבעלע האט אין זיך אלע מאטעריאלען צום ברענען, מען דארף עס בלויז אָנרייבען און עס ברענט אויס אין א פייער, אזוי איז דער וואס עסט אונריינע זאכען בעלאדען מיט מאטעריאל וואס איז צו יעדער צייט פערטיג איינצולאדען בייא זיך ליאד א קראנקהייט. מען דארף מעהר ניט וויא קומען מיט דיעזע קראנקהייט אין בעצוג אום עס זאָל זיך זאָפּאָרט אננעהמען. היינט שטעלט זיך פאר דעם געפאהר ווען מען עסט נאך אזא חולה מסוכן וויא יענע קוה.

אין היינטיגע צייטען ווען יעדע זאך ווערט געטהאָן בלויז וועגען ביזנעס, ווען מען קימערט זיך אזוי אום דעם וואהלשטאנד פון א צווייטען וויא אום דיא אלטע שטיוועל פון פאר דרייא יאָהרען, אבי מען קען נור מאכען דיא מזומן ווערען אלע פרינציפּען נעאָפּפערט, וויא קען מען ערווארטען אז דיא וואס פערקויפען אייך פיש אָדער פלייש זאָלען שטארק מקפיד זיין אויב א בהמה אָדער א פיש איז פאסענד פאר שפּייז אָדער ניט. עס איז א אָפענער סוד דאס בהמות ווערען יעצט טעגליך געמערדערט און פערפערטיגט צום טיש, אזעלכע וואס זיינען וויים — זעהר וויים פון א געזונדען צושטאנד*); מען וויים אויך גאנץ גוט דאס דער צושטאנד

---

*) „א פּראָמינענטע צייטונג פון קירצליכער דאטע שרייבט בזה הנוסח: — מיר וויסען פון א געוויסע קוועלע דאס עס קומען אין אונזערע שלאכט הייזער טעגליך אריין בהמות אזעלכע, וואס ליידען פון א קריינק בעקאנט מיט׳ן נאמען „לאָמפּ־דשאָ". דיעזע קריינק איז איין אנשטעקענדע און איז אויך אונהיילבאַר. עס גרייפט אן דיא מענשליכע גע־ביידע גראדע אזוי וויא דיא פון בהמות. דיעזע בהמות וואס זיינען ניערעשלאגען מיט דיעזע

פון דיא שלאכטהייזער זיינען שרעקליך — זייא זיינען איינפאכע פעסט־הייזער. זייא זיינען אלע איבערפילט מיט ראצען וועלכע האָדעווען זיך דאָרטען אין שמוץ. דיעזע שרצים זיינען דערפאר קראנקע, האט מען קירצליך בעוויעזען, ווייל זייא מוזען זיך ניט ווילענדיג אנזאפען מיט דיא מיקראָבען און פאראזיטען מיט וועלכע דיא שלאכט הייזער זיינען בעלאדען. דיעזע עקעלהאפטע ברואים לעבען א גוטען טאָג ווען זייא חאָפען זיך אָפט צו צו דיא פלייש. דיעזע פלייש גרייכט אָפט — זעהר אָפט דעם פובליק און דער געפאהר פאר דעם פלייש עסענדען פובליק איז שרעקליך גרויס ראדורך.

דיא ווירקונג וואס שלעכטע פלייש מאכט אויף דיא מענשליכע געביידע איז זעהר ניט קיין פרעהליכע. עס איז מעגליך אז דיא שלעכטע ווירקונג ערציינט זיך ניט ארויס באלד, נור אין פערלויף פון צייט מוז עס זיך ארויס ווייזען, און קראנק־הייט מוז זיך ענטוויקלען צום סוף. ווארום וויא דען האָט איהר געמיינט? דענקט

---

קראנקהייט ווערען געקויפט זעהר ביללינ, וועגען זייער קראנקהייט און עס ווערט אויך פער־קויפט זעהר ביליג. עס גרייכט דערפאר אם מעהרסטענס דיא אָרימע און מיטעלמעסיגע קלאסע און דער געזונדהייטס־צושטאנד פון דיא מענשען וואס עסען דיעזע פלייש איז זעהר פיעל געשטעלט אין געפאהר."

א באָסטאָנער צייטונג שרייבט פאלגענדעס: — "צווישען דיא בהמות וואס מען האט געקויילעט דעם 15טען דעצעמבער (,94) אין Wards Wharf זיינען געווען 52 אזעלכע וואס האבען געהאט דיא Tuberculosis, — פון אזא מין קרענק מענשען קריגען דיא אויסצעהרונג אז זייא עסען דיא פלייש דערפון.

* * *

מיר האט אמאָהל אַ קעכין דערצעהלט אז זיא עסט קיין פלייש, נור דארום ווייל עס טרעפט איהר אָפט דאס ווען זיא פערפערטיגט פלייש צו קאָכען, שניידט זיא אויס שטיקער קראנקע פלעצער — איינפאכע וואונדען, וועלכע זיינען אָפט בנמצא אין פלייש. פיעלע קוקען זיך ניט איין דארויף, גיבען ניט אכטונג. קען אזעלכע קראנקע שפייז מאכען אַ גוטע ווירקונג? בעטראכטעט, דענקט נאך וועגען דעם און האט אויף זיך אליין רחמנות. מיידעט אויס געמערדערטע שפייז וועלכעס ענטהאלט שפּרעסלינגע פון ערגערליכע קראנקהייט, פון בייז־קייט, וועלכע חיות און בהמות בעזיצען און וועלכע דער מענש ירשע'ט ווען ער עסט זייא אויף. אַ פערפוילטער מאַנדעל איז געפעהרליך אלס שפייז, היינט שטעלט זיך פאַר וויא גע־פעהרליך עס איז דאס פלייש פון אַ קראנקע בעשעפנים.

איהר, אז איהר עסט דיא פלייש פון אזא געמעדדערטען קאסטימער און עסט עס אויף מיט דיא וואונדען און קראנקהייט צוזאמען, דאס איהר קענט ערווארטען א נוטע ווירקונג? נעגען דער נאטור, מיין פריינד, קענט איהר לאנג ניט זינדיגען. זיא בעצאהלט איהרע חובות מיט גרויס פינקטליכקייט; און איהר פערנעלטונג איז קראנקהייט, וויטאג, מרה-שחורה, או אלע אנדערע ליידען אונטער וועלכע דער מענש איז אצינד אונטערוואָרפען. דאס איז דיא אורזאכע ווארום מענשען האבען אזוי פיעל קראנקהייטען ארויף געשלעפט אויף זיך אין דיא לעצטע צייטען. עס איז גאר אונמעגליך אויסצורעכענען דיא פיעלע און פערשיעדענע פעהלערן אונטער וועלכע דער מענש איז נעוואָרען אונטערוואָרפען. אלע ווילע מאכט מען יעצט ערפינדונגען פון נייע קראנקהייטען. א קליינינקייט. וואס שווינדזוכט פערצעהרט יעצט מענשען א יאהר. דיעזע שרעקליכע קראנקהייט איז דא לעצטע צייטען געוואָרען שרעקליך פערשפרייט, און א קראנקהייט וואס איז אזוי נעדיכט בנמצא, מוז דאך געוויס האבען א בעשטימטע אורזאכע, און דיעזע אורזאכע קומט נור פון בוטשער־שאפ. נור פון פלייש עסען שטאמט דיא גרויזאמע אויסצעהרונג. *)

שווינדזוכט איז ניט דיא איינציגע קראנקהייט וואס דער מענש האט פאר זיך איינגעהאנדעלט, מאזלען און סקארלעטינא זיינען נייע קריינק וואס זיינען קיינע צווייא הונדערט יאהר אלט. שווארצע פאקען איז קיין אלטע קראנקהייט און אויף אזא ארט כסדר ערווערבט זיך דער מענש שפאגעל נייע קראנקהייטען. אוים דער נאטור אבער דארף דער מענש ניט זיין קראנק, היסטארישע פאקטען בעווייזען דאס קראנקהייט און וועהטאג איז ניט געוועזען בעוואוסט אין דיא אלטע צייטען, דיא תורה בעריכטעט יעקב אלס דער ערשטער וואס איז נעוואָרען קראנק. דיא אורזאכע דער־פון זאגט א מדרש, איז געוועזען ווייל יעקב האט אין זיינע לעצטע יאהרען געלעבט צו רייך אין דער קעניגליכער הויז פון יוסף׳ן און דאס האט דיא קראנקהייט פער־אורזאכט.

*) דאקטאר דעמבא אין זיין ווערק איבער שחיטה, בעווייזט דאס פיעלע קראנק־הייטען ענטוויקלען זיך צוערשט אין בהמות און נאכהער געהן זייא איבער אין מענשען דורך זייער פלייש וואס ער עסט. דער געלעהרטער ארצט בעהויפטעט דאס דיא איינציגע אורזאכע ווארום לונגען-קראנקהייט איז ניט אזוי פיעל בנמצא צווישען אידען, איז נור דארום ווייל דער איד איז אימער בודק דיא לונגען איידער ער עסט דיא פלייש פון א בהמה. דאס איז אבער אלעס אין רוסלאנד. אין דיעזער מזומן-לאנד ליידער איז מען אבער ניט שטארק בודק, און דיא אויסצעהרונג צווישען אידען פערצעהרט יעצט אהן רחמנות

א וויכטנשאפטליכער זשורנאל דערצעהלט אין איין ארטיקעל איבער וועגע־טאריאניזם דאס 206 מענשען וועלכע האבען געליטען פון א קראנקהייט בעקאנט אין דער מעדיצין מיט'ן נאמען "Taenia" זיינען געווארען אונטערזוכט און מען האט זיך איבערצייגט דאס אם מייסטענס האבען פון דיעזע קראנקהייט געליטען אזעלכע וואס האבען אומנאנג מיט פיעל פלייש. 51 פון זייא זיינען געוועזן קוכערס. א גרויסער טהייל זיינען געוועזן בוטשארעס און דיא איבעריגע זיינען געוועזן אזעלכע וואס האבען פיעל פלייש געגעסען, הויפטזעכליך חזיר, קאלב און שעפסען פלייש.

לעבער קראנקהייט קומט נור פון פלייש עסען. דער עסען פיעל און אפט פון טהיערשע שפייז געקאכט מיט שטארקע געווירץ און דער טרינקען נאכהער שארפע געטרענקע, מאכט א שרעקליכע ווירקונג אויף דעם לעבער, דורך וועלכע קוועלע עס ענטוויקעלט זיך פערשיעדענע קראנקהייטען אין מענשען.

עס איז בעוויעזען געווארען דאס דיא יעניגע וואס האבען אויפגעהערט זיך צו ערנערען אויף טהיערישע שפייז זיינען וועניגער אונטערוואָרפען אונטער דער שרעק־ליכער פלאג פון קאטארר אדער פערקעלטונג. און אז מען זאל נעהמען אין אנבע־טראכט דאס דיא אלע קראנקהייטען וואס ענטוויקלען זיך אין מענשען קומען אם מייסטענס פון קאטארר אדער פערקעלטונג, דאן מוז מען צוגעבען אז דיעזע פראגע איז ווערטה מען זאל נאך איהר נאכדענקען.

צו אלע עפידעמישע קראנקהייטען אזעלכע וויא כאלעריע, פאקען, דיא פער־שיעדענע פיבערס זיינען נור אונטערוואָרפען אזעלכע וואס עסען פלייש. איבערהויפט דיא וואס עסען פיעל און טריפה פלייש. פון אידען שטארבען אין עפידעמישע צייטען וועניגער וויא פון אנדערע פעלקער. אורזאכע, ווייל זייא געבען אויף זיך מעהר אכ־טונג אין דעם ענין פון זייער שפייז.

אויף דיא צייהן מאכט פלייש עסען זעהר ניט קיין גוטע ווירקונג. דיא וואס וויסען, בעהויפטען דאס צאהן־שמערצען קומט נור פון פלייש עסען ווארום דיא סקעלעטען וואס מען געפינט פון דיא יעניגע וואס זיינען געשטארבען מיט 2 אדער 3 הונדערט יאהר צוריק, ווען טהיערישע שפייז איז ניט געוועזן אזוי שטארק אין דער מאדע, ווען דער עסען פון מענשען איז געוועזן פראסט און איינפאך, געפינט מען דיא צייהן געוועהנליך אין א גוטען צושטאנד, דאס צייגט דאס דיא פריהערדיגע דורות האבען ניט אזוי פיעל געליטען פון דיעזע שמערצליכע קראנקהייט.

הכלל, דער מענש ווערט בעצאהלט פאר אלעס וואס ער איז מחלל אין דער נאטור. און כל זמן דיא וועלט וועט זיין א שלאכט הויז און דער מענש וועט נאכ־אנאנד זיין אריין געטהאן אין דעם סיר־הבשר, וועט זיין פהיזישער און מאראלישער

צושטאנד אימער זיין אין א טרויעריגע אָרדנונג. ווארום עס איז א כלל ידוע אז וואס איינער איז מעהר אריינגעטהאָן אין דער אכילה איז ער אלס גראָבער, אויס־געלאסענער, מעהר צורייצט, מעהר ערגערליך און מעהר פערדאָרבען — קראנק אין גייסט אזוי וויא אין קערפּער, און איז אזא צושטאנד קען זיין פהיזישע און גייסט־ליבע ענטוויקלונג ניעמאלס גרייכען א הויכע אקטאווע.

אזוי ווייט איז מען דערגאנגען דאס א וועגעטאריאנער וועלכער פיהרט זיך ריכטיג אין יעדער בעציהונג איז ניעמאלס קראנק. דיא מעהרסטע פון זייא ווייסען אפילו ניט פון קאָפּ וועה. וועגען דיספּעפּסיא און מאָגען־קראנקהייט, פרעגט זייא בחרם. לעבּער, לונגען און ניערען קראנקהייט ווייסען ניט וואו א וועגעטאריאנער וואָהנט. זיין אטהעם איז ריין. דיעזעס קען מען אָבער ליידער ניט זאגען פון דיא בשר־ודגים־וכל־מטעמים'ניקעס. דיא לופט אין א גדיכטען צוזאמענקונפט פון דיא וואס מאכען פון זיך א בית־עולם, דערלאנגט א טראסק אין נאָז דאס מען קען אזש אומפאלען. אין אלגעמיין איז דער אונטערשיעד פון דיעזעביידע אָהן א שיעור גרויס אין גייסט, אין כאראקטער און אין בענעהמונג זיינען זייא אזוי פערשיעדען וויא עס איז פערשיעדען א שלאכט־הויז פון א פרוכט־סטאָר. דיא בעלי־ירק זיינען געוועהנליך געלאסענע און מילדע מענשען. זייערע הערצער זיינען אָנ־געפילט מיט רחמנות און ליעבע. זייערע געדאנקען זיינען ריין און טראגען אין א העכערען קרייזלויף וויא דיעזע פון דיא „חברה קדישא" וועלכע זיינען אימער פער־טהאָן מיט געדאנקען וויא אזוי צו קריגען א נייען מת אין זיך מסבר צו זיין. וועגע־טאריאנער זיינען אימער אויפגעלעגט, עפּעס ניט אזוי פערזאָרגט און פערזויערט וויא פלייש עסער וועלכע דארפען אימער א ביסעל מעהר וויא זיי האָבען און ביי וועלכע דיא מרה־שחורה איז געוועהנליך אזוי גרויס אז נאכאנאנד זיי מיינען אז אלע זייערע שיפען זיינען אונטערגעגאנגען. נאכאנאנד זיינען זיי צוקאָכט און זוכען פרעטענזיעס. אימער קומט זייא ארויסצוצאָהלען. איהר קענט ניעמאלס טהאָן גענוג פאר זייא. קנאה, שנאה, צו להכעים און רשעות שטעהן נור איין אין לאָדושי בי דיא ביף־סטייק חבריה — א פאקט וואס ניעמאנד קען פערלייקענען. אזוי וויא שקעבטע קינדער זיינען זיי נאכאנאנד פערטיג איינער אויפ'ן צווייטען אָנצופאלען און לערנען מיט איהם בלק מיט פשט. דיא וועגעטעריאנער דאגעגען ווערען ניט אזוי ניך צו־קאָכט פאר כיאד א נארישקייט. זיינען אימער מוחל אויף זייער כבוד אין לאָזען נאכאנאנד זייערע איבערגעהן. זייערע ליידענשאפטען און נייגונגען האבען א גרענעץ, אין זייערע הערצער געפינט איהר ניעמאלס א געדאנקען פון אונער־בארעמליבקייט.

עס ניבט נאר סיין צווייפעל דאס ענדליך מוז א מאָל קומען דיא צייט ווען מענשען וועלען פערשטעהען דיא וויכטיגקייט פון „לעב און לאָז לעבען“ — דיא הייליגע לעהרע פון „לא תרצח“ און דאן און ניט ביז דאן, וועט פון מענשען ווערען אָבגעטהאָן אלע קראנקהייטען, אלע צרות און אלע נארישקייטען צו וועלכע מען איז היינט אונטערוואָרפען, און מענשען וועלען זיך דאמאלס ענטוויקלען צו זיין ריעזען אין זייער געביידע, אזוי וויא אין זייער פערשטאנד און גייסט.

# קאפיטעל 9.

ביי א יעצטיגען געגרייטען טיש פעהלט מעהר ניט וויא דיא חברה קדישא, ווארום דער בר מנן ליגט פיקס און פערטיג, איינגעבאלזאמירט אין געווירץ וויא אין פסוק שטעהט און איז פערטיג געבראכט ווערען צו דער קבורה. דיא שווארצע געווירצונג פון פלייש, וויא עס ווערט יעצט געוועהנליך פערפערטיגט, זעהט עפּעס אויס וויא מע וואָלט דעם מת וועלען גוט איינבאלזאמירען איידער מען בעגראָבט איהם אין מאָגען — אויף דעם שניט פון דיא אלטע עגיפּטער וועלכע פלעגען זייערע מתים איינבאלזאמירען אין געווירץ איידער זייא פלעגען זייא פערזוקען וויא טשאָלענט טעפּ אין דער אייביגער רוהע, ווען מענשען וואָלטען נור געהאט א בעגריף וויא שווער עס איז פאר'ן מאָגען צו פערדייען אזא איינגעבאלזאמירטען מת, וואָלטען זייא שוין פערזאָגט א צעהנטען דיעזעס צו עסען. מען דערצעהלט פון א געוויסען גרויסען ארטיסט נאמענס Fuseli דאס ווען ער פלעגט דארפען אז איהם זאָל זיך פאָרשטעלען גרויזאמע געדאנקען, וועלכע ער האט נעטהיג געהאט פאר דעם צוועק אויסצוארבייטען א בילד פון גרויזאמקייט, פלעגט ער געוועהנליך עסען רויע אָדער געווירצטע פלייש. מעגליך אפשר אז דאס איז דיא אורזאכע ווארום אזוי פיעל געהען יעצט ארום מיט גרויזאמע געדאנקען.

צו בעטראכטען דיא גאנצע סצענע וויא דער מענש זעצט זיך יעצט אוועק ביים טיש, קוקט עפּעס אויס משונה ווילד. מיט א מעסער און גאבעל אין דיא האנד זעהט ער אויס וויא א גזלן. איינער וואָלט מיינען בשעת מעשה אז ער מאכט

זיך פערטיג אין יעמאנדען נוקם צו זיין — אין בר־מנן פיעלייכט, א קשיא אויף א מעשה?

און אזוי אריין געטהאָן אין דער אבילה איז מען יעצט, אז קיין אנדער זאך פעראינטערעסירט ניט פערהייראטע פרויען וויא נור דיא פראגע „וואס קאָכט מען?“ דיעזע איז דיא וויכטיגסטע פראגע פאר זיי. אויף דער וועלט, פערדרעהט זיי געביך אזוי דיא קעפ, דאס זיי זיינען כמעט אימער דאדורך ערגערליך. דער הימעל איז שטענ־דיג פערחמארעט, שרעקליך פערוואָלקענט, און פון דעם שטורם־ווינד וואס הערשט אין הויז נאכאנאנד זאָל מען בעהיט און בעשירעמט ווערען. זייא קענען ווירקליך ניט זיין פרעהליך, אויפגעלעגט און זאנפט אין זייער בענעהמונג ווען זייא פערספענדען איין העלפט פון זייער צייט אין זאָרגען וואָס צו קאָכען און דיא אנדערע העלפט אין דער פארבערייטונג דערפון. דיא ענדע איז אז צו 40 יאָהר זעהען דיא מעהר־סטע פרויען אויס וויא דיא גאנצע וועלט וואָלט זיי ליעגען אויפ׳ן קארק; און דיע־זעם האָבען זייא נור צו פערדאנקען דיא זאָרג וואס זייא געהען דורך צו ליעב דעם סיר־הבשר טאג איין טאג אויס. וואָרום דיא שפייז קארטע פון א פלייש עסער איז זעהר בעגרענעצט. אין גאנצען בעשטעהט עס בלויז אויס דער פאָלגענדער ליסטע:

געפילטע פיש מיט פעפער —
אהן א מאס און אהן א שיעור —
און נאך פעפער

---

לעבער, לונגען, ניערען, מילץ, מארך, צונג, פיס
געפילטע קישקע, ליאקע —
און גלאט בר־מנן

---

לימבורגער קעז, וואורשט, הערינג, נאך הערינג —
און שוין נאך אלעמען!

און דאס זעלבע מת מוז אלע טאָג אנדערש פערפערטיגט ווערען. דא דארף מען עס קאָכען, דא בראָטען דא שמארען, דא פרעגלען און דא מארענירען; וואָ־רום טהיערישע שפייז, ווען מיזן זאָל עס אפילו קאָכען ווער ווייסט וויא גוט, ווערט עס גיך צוגעגעסען און עס ווערט באלד ווידעריג. ניט אזוי אבער נאטירליכע שפייז

וועלכע מען קען עסען יאָהרען און יאָהרען לאנג און עס ווערט ניעמאלס מיאוס. איהר האָט שוין ווען געטראָפען איינעם אין אייער לעבען וואס זאָל זאָגען אז ברויט, אָדער מאלינעס אָדער אירגענד איין אנדער זאָרט תבואה האָט זיך איהם צוגע־עסען? פלאנצונגען ווערען נור דאן ניך צוגעגעסען ווען מען קאָכט זייא נעמישט מיט טהיערישע שטאָף. יעדער פלאנצונג האָט איהר בעזאָ־דערן געשמאק, איהר איינענע אראמא. דאגעגען פלייש האָט פאר זיך אליין קיין געשמאק און עס ווערט נור דאן פאסינ אלס שפייז ווען עס ווערט פערפערטינט מיט גרינוואַרג, מיט צוויבעל, קנאָבעל און אנדערע געוויקסע; און דאן מוז מען עס עסען מיט חריין, מיט רעטאך, מיט זענעפט און מיט אנדערע אזעלכע שארפע דעליקאטען. דיא הויז־פרוי דארף עס נעביך איִעם וויסען. זיא מוז נאכאנאנד קלערען און ברעכען דיא קאָפּ וויא אזוי דיא זעלבע בר־מנן צו פערפערטינגען עס זאָל האָבען א טעם. אויב דיעזער שווערער יאָך, וואס פערקירצט דיא יאָהרען, וואָלט אבער פון פרויען אוועק גענו־מען געוואָרען, דאן וואָלטען זייא זייערע עדעלע איינענשאפטען, וועלכע דיא נאטור האָט זייא בעגאבט ביד נדיבה, געקענט איבען אין א גוטען הארצען, און עס וואָלט געוויס געווען פרעהליכער און אנגענעהמער ארום און ארום.

דיא גרעסטע מחלוקות צווישען מאן און פרויא קומט אם מייסטענס ארויס נור וועגען קאָכען. אזא זאך קען בשום אופן ניט פאסירען בייא וועגעטאריאנער, ווייל דיא מאכלים פאר וועגעטאריאנער פאָדערן קיינע חכמות צו פערפערטינגען. עס איז פּראָסט, איינפאך, דער אפּעטיט פון עסער איז גוט; און ווען מען איז נאַ־טירליך הונגעריג זוכט מען קיינע פרעטענזיעס. פרעטענזיעס זוכען נור אזעלכע וועלכע עסען ווייל עס איז געשמאק, ווייל עס איז דיא צייט פון עסען. עסען פאר אזעלכע לייט איז ניט דארום ווייל זייא דארפען דערפון לעבען, זייא לעבען נור דער־פאר זייא זאָלען קענען עסען. עסען איז בייא זייא דיא הויפט זאך אין זייער גאנ־צען לעבען; און וואס טהוען זייא ניט אויף צו מאכען שארף זייער אפּעטיט? נאכ־אנאנד ווערט עס מעבאניש געטריבען מיט משקה, מיט שארפע דעליקאטען און נאך אזעלכע מיטעל. דערפאר קען אזא אפּעטיט ניט זיין קיין נאטירליכער. און ווען אזעלכע לייט זעצען זיך עסען מיט אזא צורייצטען אפּעטיט און עס זאָל זיין חלילה וחס — דיא שעה זאָל ניט זיין — עפּעס ניט דערשמעקען אויף א האָר, דאן קאָכען זייא זיך פאנאנדער און פאנגען אָן אָבצוגעבען כבוד דיא וויב — מען קען זייא, דיא פיינע לייט, א שעהנע בנופיא, נישטאָ וואס צו רעדען.

בייא וועגעטאריאנער איז עס אבער גאנץ אנדערש. דיא פראגע פון קאָכען און עסען פערנעהמט א גאנץ קליינעם אָרט. אז מען זאָל זיך אפילו אבגעבען א

העלפט צו פערפערטינען מאכלים פון פלאנצונגען, פרוכט און נים וויא מען גיבט זיך אָב מיט פלייש, וואָלט מען נעקענט פערפערטיגען דיא געשמאקסטע שפייז. מען דארף נור האבען איינזעהענעס אביסעל און נית קאָכען נאכאנאנד „לאָקשען מיט נישט“ אלע טאָג כסדר 3 יאָהר לאנג; און מען דארף איבערהויפט זעהן אז נייע פּאַטייטאָס זאָלען זיין נייע, גרינע ארבעס זאָל זיין גרין און פרישע פרוכט זאָל זיין פריש. זאָנסט פאָרדערט קיינע שווערע ארבייט צו פערפערטיגען וועגעטאריאנישע שפייז. און דער וואָס זאָגט אז מען קען פון וועגעטאריאנישע שפייז נים ציהען קיין חיונה, אינו אלא טועה, אָדער ער איז א זולל־וסבא, ערגער נאך וויא דער פעטער עשו.

# קאפּיטעל 10.

וכאן הבן; שואל — דאָ וועט חיים שמעיה מיין פריינד אויף מיר א שפּרונג טהאָן מיט כעס, וועט פערביינען זיין בהן־ידר־הימנית, און וועט מיט א גמרא־ניגון׳דעל אנפאנגען מיר צו פערוואָרפען מיט שאלות, בזה הנוסח: — „בשלמא אז איהר קומט צו געהן מיט בעווייזע גלאט אין דער וועלט אריין, און ווילט מיר דוקא איינשמועסען אז פלייש עסען איז נית רעכט, איז דאך נית שייך. נור וואס וועט איהר אבער טהאָן מיט דער תורה? דיא תורה זאָגט דאך בפירוש אז „כי ירחיב יהוה אלהיך את גבולך כאשר דבר לך ואמרת אכלה בשר כי תאוה נפשך לאכל בשר בכל אות נפשך תאכל בשר (דברים י״ב, 20): דערפון דוכט זיך איז דאך ארויס צו זעהען בעשיינפּערלאך, אז מען מעג יא עסען פלייש וויא פיעל מען וויל, טאָ וואס פערדרעהט איהר א קאָפּ אומזיסט און אומנישט?“

איך מוז אייך ענטפערן אז איהר זיינט, ר׳ חיים שמעיה, איינער פון יענער חברה אויף וועלכע שעקספיר זאגט. אז ווען דער טייפעל דארף האבען א פערטהיידיגונג אויף זיינע מעשים־תעתועים, דאן זוכט ער עס אויף אין דער תורה. עס איז מערקווירדיג דאס נור אויף אזעלכע זאכען געהען אזעלכע לייט וויא איהר זוכען היתרים אין דער תורה. ווען עס קומט אָבער אוים צו עטוואס וואס אנבעלאנגט אזא נעבאָט וויא דער „וחי אחיך עמך“, דאן ווערט אייער בעגייסטערונג פאר דער

תורה פערפראָרען. נור דענקט איהר ווירקליך דאס די תורה וועלכע הייסט אז „דיין אָקס, דיין עזעל, דיינע פיהע, זאָלען רוהען (אום שבת) אזוי וויא דוא 1) — די תורה וועלכע פערלאנגט דאס דוא זאָלסט אָנטהאָן א טויל־קאָרב אויף דיין אָקס ווערהענד ער דרעשט דיין קאָרן 2) — די תורה וועלכע בעפעהלט אז דוא זאָלסט ניט אקערן מיט אן אָקס און עזעל אין איינעם 3) — די תורה וועלכע בעאויפטראגט אז דוא זאָלסט פון איבערגעבליעבענע אוועק געבען צו די „חית השדה״ 4) זייא זאָלען אויך האבען וואס צו עסען — די תורה וועלכע צייגט אזוי פיעל רחמנות אויף לעבעדיגע ברואים און א מיטלייד צו אלעם וואס ליידעט — די תורה וועלכע האָט קיין אנדער צוועק וויא נור צו פערפלאנצען די מדה פון רחמנות אין דער מענשליכער ברוסט און א אָבנייגונג און פעראכטונג צו פערגיסען בלוט — ריעזע תורה וועלכע פרעדיגט אזוי פיעל רחמנות און יושר, ווילט איהר זאָגען אז עס גיבט אייך די פולע ערלויבנים פראנק און פרייא צו מערדערן און צו פערגיסען בלוט וויא פיעל איהר ווילט, און הייסט אייך זיך צו ערנעהרען משוד עניים ומאנקת אביונים — אויף די רויב און וועהטאָג פון לעבעדיגע בעשעפעניסע? ניין, ר׳ חיים שמעיה, אָדער איהר פערשטעהט ניט די תורה, אָדער וויא דער טייפעל, פער־טייטשט איהר די תורה וויא עס פאסט פאר אייער צוועק און בעקוועמליכקיים.

דאס דער געטליכער מחוקק — משה רבינו האָט געוואָלט פערצוימען די וועג פון עסען פלייש קען מען דייטליך ארויסזעהן אין פיעל ערטער אין דער תורה. הויפט־זעכליך פון די פאָלגענדע פסוקים אין ויקרא י״ז 3—4: ער זאָגט דאָרטען: „איש איש מבית ישראל אשר ישחט מחוץ שור או כשב או עז במחנה או אשר ישחט מחוץ למחנה, ואל פתח אהל מועד לא הביאו להקריב קרבן לד׳ לפני משכן ד׳ דם יחשב לאיש ההוא דם שפך ונכרת האיש ההוא מקרב עמו.״

פון דעם איז ארויס צו זעהן גאנץ אָפען אז משה האָט געוואָלט פלייש עסען פערבאטען. ער האָט ניט ערלויבט סיידען אז מען האָט עס פריהער געמוזט ברענ־גען פאר א קרבן אין אהל מועד, און אז מען זאָל נעהמען אין אנבעטראכט דאס מעהר וויא איין אהל מועד איז ניט געווען אין דער גאנצער מחנה, און אז קיינע אנדערע כהנים א חוץ אהרן און זיינע 4 זעהנע זיינען דאמאלס ניט געווען;

1) שמות כ״ג, 12.
2) דברים כ״ה 4.
3) דברים כ״ב, 10.
4) שמות כ״ג, 11.

און דאס דיזע איינצעלנע כהנים אהנע שום הילפע, האבען געדארפט טהאן די ארבייט פון א פאלק צוזאמענגעזעצט פון 600.000 פוס געהער, לבד מטף — אז מען זאל דיזעס נעהמען אין אנבעטראכט, קען יעדער פערשטעהן אז עס איז ניט געווען קיין נרינגע אויפגאבע פאר ליאד איינעם צו קריגען פלייש. מען האט געדארפט האבען אדער א גרויסען „פאליטישען פול," אדער שטעהן אין א ענדלאזע רייהע ווער ווייסט וויא לאנג, ביז איינער פון די כהנים וואלט ענדליך פון איהם צונענומען א קרבן. אויסער דיזע שוועריגקייטען האט מען די פלייש פון אזא קרבן ניט געטארט בעהאלטען און איינמארענירען, אדער „איינבאלזאמירען," און עס בעהאלטען ביז עס וועט אויסברעכען א מלחמה מיט שפאניען. מען האט אזעלכע פלייש בלויז געמענט עסען דעם ערסטען טאג און אויף מארגען, און דאס וואס איז איבערגעבליעבען ביז צום דריטען טאג האט מען געמווט פערברענען. ווארום משה רבינו האט געוואוסט פון דעם סוד אז אין פלייש ענטוויקעלט זיך א געפעהרליכע ניפט אין 24 שטונדען נאכ'ן טויט. ער זאגט דערפאר שטרענג אן אז דער וואס וועט עסען אזעלכע איבערגעבליבענע פלייש אויפ'ן 3טען טאג, וועט ליידען פאר זיין זינד — ואכליו עונו ישא (ויקרא י"ט, 5 ביז 8).

אונטער אזעלכע אומשטענדען דאך צו קריגען פלייש וואלט זיך קיין ארדענטליכער מענש ערלויבט. א קאסטימער וועלכער קען בייא זיך פועלן דורך צו געהען אזוי פיעל מיהע און שוועריגקייטען אבי ער זאל קענען עסען ביף־סטייק און געשמארטע לעבער איין טאג אדער העכסטענס צוויא, האט געדארפט זיין א הפקר־יונג ערשטע קלאסע, א בעל־תאוה'ניק 18 די פראבע, און טאקע נור פאר אזעלכע חברה וועלכע קענען זייער תאוה ניט פערבייגען אין פלייש געווארען ערלויבט שפעטער אהין אין דער תורה.

דער „כי תאוה נפשך לאכל בשר בכל אות נפשך תאכל בשר" — דערזעלבער פסוק וועלכע אלע פרומע לייט ציטערען, און מיט וועלכען זיי ווייזען איין אז פלייש איז אויס דער תורה ערלויבט צו עסען, דערצעהלט עס גאנץ אפען.

„רק בכל אות נפשך תזבח ואכלת בשר" — בעדארף מען נאך א בעסערען בעווייז וויא דיזען פסוק? עס איז נור דאן ערלויבט צו שעכטען און צו עסען פלייש ווען די תאוה, די ליידענשאפט, וועט טרייבען דערצו. תאוה אין א מענשען איז א העסליכע אייגענשאפט דער־יעניגער חברה־מאן וועלכער קען זיין תאוה ניט צוריק האלטען איז א ניעדעריגער מענש. אזא איינער איז קראנק אין זינען, און אין כאראקטער און איז אימער געפעהרליך, און ווען עס איז איינעם ערלויבט פלייש צו עסען נור דאן ווען זיין תאוה צווינגט עס איהם, דאן איז פלייש

עסען נים ערלויבט אויס דער תורה פאר דיא עדעלע מענשען וועלכע קענען זייער תאוה יא פערבייגען.

ווארום אויב בייא משה'ן וואלט אויסגעקומען אז פלייש עסען איז נאטירליך און מען מעג עס עסען וויא פיעל איינער וויל—כמנהג סאנט־פּאטריק וכל כת דלהון, טאָ פאר וואָס קומט עפּעס דיא תורה ארויס פלוצלינג און ערלויבט גאר אין גאנצע פלייש עסען? וויא באלד עס איז נאטירליך אז מען מעג, טאָ צו וואס בעדארף מען א היתר? ווארום גיבט נים דיא תורה איין ערלויבנים צו עסען ברויט אָדער פרוכט, אָדער צו געהן שפּאצירען פאר נאכט? וואס איז עפּעס גראדע איין ער־לויבנים אויף עסען פלייש? דאס אליין — דער כלומר'שטדינגער היתר צייגט, דאס פלייש עסען איז בייא דעם גרויסען מחוקק אויסגעקומען משונה ווילד און נים קיין פּאסענדע שפּייז, און ער האָט עס גיהאט צו פערביטען. נור ער האָט געהאט צו טהאָן מיט'ן דור המדבר — א פאָלק וואָס איז געוועזן ווילד ארויסקומענדיג פון מצרים. דער גאנצער קלאנגען און וויינען זייערער איז נור געווען מי יאכילנו בשר? זייא האָבען ביטערליך געוויינט ווען זייא האָבען זיך דערמאָנט אין דעם „סיר־הבשר“ און אן דיא סטינקעס פון מצרים. איידעלע וועגעטאריאנישע שפּייז וואס האָט געהאט א טעם „כצפּיחית בדבש“ האָבען דיא לייטע נים געקענט פערטראָגען און האָבען דאנגען פּראָטעסטירט. נו, וויא דענקט איהר, קען מען עפּעס אויסקומען מיט אזא מחנה וואס איין יעדער במעט האָט געהאט פולע קע־שענעס מיט שטיינער, און פּרובירט איהם נים נאכגעבען אויף א האָר, דאן איז ער פערטיג צו פערשטיינערן? מה אעשה לעם הזה עוד מעט יסקלוני“ — בעקלאָגט זיך משה. דער תלמוד זאָגט אפילו אז דער דור־המדבר איז געווען דור־דעה, נור אזוי וויא זייא, פון דעם כלומר'שטדינגען דור־דעה, האבען נים געוואוסט פון דעם תלמוד, אזוי האָט עס זיי חלילה נים געשטערט פון צו זיין עכטע באַרבּארען. לויט נאָך זייער זיסע בענעהמונג זיינען זייא געוועזן וויים, זעהר וויים, פון צו זיין א „דור־דעה“ און מיט אזא פאלק האָט מען נים געקענט ארויס קומען גאנץ אָפען און זייא אָבצוגעוואָהנען פון פלייש עסען. זייא וואָלטען אזא זינן גאָר נים פערשטאנען, נאכהער וויא זייא זיינען געוועזן געוואָהנט צו עסען „בשר לשבע“ אין מצרים. זייא וואָלטען עס יעדענפאלס נים געפאָלגט. משה רבינו האָט עס נוט געזעהן, דערפאר האָט ער עס ערלויבט נור אונטער געוויסע בעדינגונגען. הויפּטזעכליך דאס זייא זאָלען דאס בלוט און דיא פעטס נים עסען, „חקת עולם לדרתכם בכל מושבותיכם כל חלב וכל דם לא תאכלו“ (ויקרא ג' 17). און

זיי זאָלען אויך אויסמיידען דיא אלע שרצים חיות, עופות און פיש אזעלכע, וועלכע האָבען אין זיך גיפט און זיינען אונריין.

און דאס בלוט פון דער כשרה בהמה ארויסגעצויגען — וויא אידען בענוצען עס, איז שוין טאַקע אייגענטליך ניט אזוי געפעהרליך וויא עסען טריפה און אונ־ריינע חיות מיט דיא בלוט וויא עס טהוען אלע אנדערע פעלקער, ווארום עס איז פאקטיש בעוויעזען געוואָרען דאס דיא שרצים און חיות וואס אידען טאָרען ניט עסען זיינען אימער אנשטעקענד מיט א.לערליי פאראזיטען. פויגלאך און חיות וואס עסען נבלות און פערפוילטע פלייש זיינען טריפה, ווייל זייא זיינען זעהר אָפט פול מיט קראנקהייטען וואס זיי האָבען ערוואָרבען פון דיא פערפוילטע נבלות. דיא פיש וואס זיינען אין תורת משה פערבאָטען עסען און שלינגען אין זיך אלערלייא ווערים און שעדליכע גראזען און דיא פיש ווערען נאַטירליך דורך דעם שעדליך.

דיא בלוט וואס איז דעם אידען פערבאָטען צו עסען איז ווידער א זיכערהייט געגען אנשטעקענדע קראנקהייטען. דאָקטאָר דעמבא אויס פעטערסבורג האָט קירצ־ליך בעוויעזען אז דאדורך וואס אידען לאָזען אבלויפען דאס בלוט פון געשלאכטעטע פיה ווערט דאס פלייש געזונדער, ווארום דיא הויפט קראנקהייטען ביי בהמות איז אין זייער בלוט. זעהר אָפט קען דאָס בלוט פון א בהמה זיין פול מיט קראנקהיי־טען, ווערענד דאס פלייש איז געזונד. דעם אידענס איסור געגען בלוט, ווייל „בלוט איז דאס לעבען" איז בעזאָנדערס גוטע זיכערהייט.

דיא פלייש פון ניט קיין גיפטיגע חיות ווידער, ווערען בייא אידען געקוילעט בייא נור איין פערזאָן וועלכער איז אויפגעשטעלט צו טהאָן מעהר ניט וויא דאס אליין. ניט אזוי וויא בייא אנדערע פעלקער וואָס איין יעדער בעל־הבית אָדער הויז־פרויא טהוט עס אליין. דיא בהמות, חיות און עופות וואס אנדערע פעלקער עסען ווערט אויך געמערדערט אויף א זעהר ברוטאלישען ארט. זייא ווערען אָדער דערשאָסען, אָדער דער׳הרג׳עט אויף טויט דורך א שרעקליכען קלאפ אין קאָפּ. אזעלכע פלייש דאדורך איז מעהר פערגיפטעט. ווארום וואס מעהר שמערצען מען טהוט אן דיא בהמה פאר׳ן טויט ווערט דיא פלייש אלס מעהר צוקאָכט, צורייצט און פערגיפטעט.

יעדע בהמה אָדער עוף ווערט בייא אידען גוט אונטערזוכט נאך דער שחיטה אום צו זעהען אויב עס איז געווען אין א געזונדען צושטאנד. נאכהער געהט דיא פלייש דורך איין אָרדאליע פון ווייקען און זאלצען, וועלכעס ציהט ארויס דאס בלוט; און נאַטירליכער ווייזע ווערט שוין אזעלכע פלייש א מין וועגעטאריאנישער מאכל. עס איז שוין ניט מעהר דאס געוועהנליכע פלייש וואס אנדערע פעלקער עסען.

דערפאר לעבען טאקע אידען לענגער, זיינען פיעל געזינטער, ווערען שנעלער צונע־וואָהנט צו א נייעם קלימאט, זיינען פיעל מאָראלישער, האָבען בעסערע קעפּ, בע־זיצען מעהר רחמנות און צייכנען זיך אויס מיט אלע גוטע אייגענשאפטען פיעל מעהר וויא אלע אנדערע פעלקער אין דער וועלט.

אז אידען עסען ניט אזוי פיעל בלוט און אונרייגע פלייש, האָבען זייא שוין נאטירליך קיין נייגונג צו טרינקען און דאדורך האָבען זיי שוין אויך וועניגער תאוה. זייערע קינדער וואָס ווערען געבאָרען זיינען דאדורך עדעלער, געזינטער און פעהיגער, דיא אידישע פרויען מערדערן ניט אליין עופות און חיות וויא עס טהוען דיא פרויען פון אנדערע פעלקער, און דערפאר ווען זייא זיינען אין א מוטערליכען צושטאנד, מאכט דיעזע גרויזאמע טהאט פון מאָרד קיין ווירקונג אויף דאס קינד וואס דארף געבאָרען ווערען.

איבערהויפּט האָבען אחינו בני ישראל צו פערדאנקען זייערע פאָר־עלטערן פון פארצייטען, וועלכע האָבען אדער גאר ניט, אדער נור זעהר וועניג פלייש גע־געסען, דערצו פלעגען זייא נאָך פיעל פאסטען — וועלכעס צו טהאָן ברענגט דיא מענשליכע געביידע גרויסע נוצען, און אידען האָבען זיך טאקע דערפאר ענטוויקעלט בכל דור ודור צו זיין דיא קלינסטע און דיא בעסטע מענשען, דאָ אין אמעריקא ליידער וואו פיעלע אידען האָבען זיך אבטר פאנאנדער געלאָזען און פרעסען אכעס מיט אלעמען צוגלייך — פון דיא איננעווייד פון א שרץ, ביז דיא אויס־וועניגסטע פון א חזיר, האָבען זייא טאקע פערלאָרען א גרויסען טהייל פון זייער גלאנץ.

יעצט איז שוין לייכט צו פערשטעהן וויא קלוג משה רבינו האָט געהאנדעלט. וויא באלד ער האָט ניט געקענט אויספיהרען אין גאנצען פלייש צו פערבאָטען, האָט ער עס אם וועניגסטענס פערצאמט אינדירעקט און האָט זיך פערטרויעט אויף שפּעטערע דורות וועלכע וועלען איהם בעסער פערשטעהן און זייא וועלען ענדליך איינזעהען וואָס ער האָט געוואָלט אויספיהרען און זייא וועלען איהם פאָלגען.

וואָס אנבעלאנגט קרבנות, האָט אויך משה ניט געקענט פערביטען אין א צייט ווען אלע ארומיגע פעלקער פלעגען פערברענגען אין פייער אפילו זייערע אייגענע קינדער אלס אָפּפער צו זייערע געטער (דברים י״ב, 31). צו אונטערדריקען קרבנות אין אזא צייט וואָלט געווען אונמעגליך. אם וועניגסטענס זאָגט משה, זאָלען זייא שוין האָטש ניט שעכטען זייערע קרבנות צו טייוואלים. „ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים אשר הם זנים אחריהם" (ויקרא י״ז, 7). און ער האָט עס אויך פערצאמט

דאדורך וואס ער האט נור געהייסען ברענגען קרבנות אין איין בעשטימטען אָרט, נים גלאט וואו איינער וויל. „השמר לך פן תעלה עלתיך בכל מקום אשר תראה" (דברים י"ב, 13).

די נביאים זיינען פאסט אלע געגען קרבנות. כמעט אלע דונערן און פער־דאמען דעם געברויך פון קרבנות וועלכע האט בלויז געפיהרט צו פאלשקייט און היפאקריסי. איבערהויפט דריקט זיך ישעיה אויס מעהרערע מאל געגען דעם גע־ברויך פון קרבנות. ער בעהאנדעלט די פראגע נים מיט קיין זיידענע הענדשקעס. אויף איין אָרט טרעט ער ארויס מיט א שטורם און דריקט זיך אויס קורץ און שארף בזה הלשון: „שוחט השור מכה איש זובח השה עורף כלב, מעלה מנחה דם חזיר, מזכיר לבונה מברך און" (ס"ו, 3).

* * *

דיא ערסטע שפייז פאר'ן מענשען, לויט דיא תורה, איז געוועזען פרוכט — און פון דעם עדעלסטען סאָרט. אזעלכע וואס האָבען אין זיך זוימען. פראָסטע פלאנצונ־גען זיינען נים געוועזען ערלויבט פאר'ן מענשען אלס שפייז. הנה נתתי לכם את כל עשב זרע אשר על פני הארץ ואת כל העץ אשר בו פרי העץ זרע זרע לכם יהיה לאכלה (בראשית א', 29) פון דיזעס איז ארויס צו זעהן אז דיא תורה פרעדיגט נים נור „וועגעטאריאניזם" זאנדערן דיא העכסטע אקטאוועו פון „פרוכטיאניזם." — וועלכע הויבע שטופע צו גרייכען איז היינט דיא שטרעבונג פון אלע רעכט דענקענדע וועגעטאריאנער. איהר וועט בעמערקען דאס לויט נאך דיזען פסוק זיינען בלויז דיא עדעלסטע פרוכטען ערלויבט אלס שפייז פאר'ן מענשען. אזעלכע פלאנצונגען וואס וואקסען אין דער ערד און האָבען אין זיך קיין זוימען, וויא רעטאך למשל, אָדער אנדערע עהנליכע געוויקסע, זיינען לויט דיזען פערבאָט דעם מענשען נים ערלויבט אלס שפייז. און דאס מערקווירדינגסטע דערביי איז, דאס מען איז ווירקליך דערגאנגען דעם סוד אין דיא לעצטע צייטען אז פראָסטע געוויקסע און גראז זיינען נים פאסיג אלס שפייז פאר'ן מענשען. „את כל ירק עשב" איז אָנפאנגס געגעבען געוואָרען אלס שפייז „לכל חית הארץ ולכל עוף השמים ולכל רומש על הארץ" (שם א', 30) דער „וקוץ ודרדר תצמיח לך ואכלת את עשב השדה" (שם ג', 18) איז שוין אייגענטליך א קללה, א שטראפע פאר'ן מענשען נאכהער וויא ער איז געזונקען, נאכדעם וויא ער איז בעגאנגען עפּעס א גרויזאמען פערברעכען, וועלכען מען קען אויבערפלעכליך נים פערשטעהן, און וועלכען דיא תורה שילדערט בלויז אללעגאריש.

פאקטען פון דער תורה אז פלייש איז ניט פאסינג און ניט נאטירליך איז ארויס צו זעהן פון דיא געשיכטע מיט'ן שליו וויא נאכהער אז דיא בני־ישראל האבען דער־פון געגעסען האט באלד אין דער מחנה אויסגעבראכען דיא כאלעריע.

ווען יצחק האט געבענטשט יעקב'ן האט ער איהם געוואונשען אז גאט זאל איהם געבען „מטל השמים ומשמני הארץ ורב דגן ותירוש." פון לעבער־פילטע פיש און לימבורגער קעז האט יצחק ניט גערעדט.

אין דער ערהאבענער „שירת האזינו" קען משה'ס פראפעטישע זעלע זעהן פון דער ווייטען וויא ישרון ווערט פעט פון „חמאת בקר וחלב צאן עם חלב כרים ואלים בני בשן ועתודים" און אין אזא צושטאנד ווערט ער פרעך און פאנגט אן צו בריקען — נאכ'ן געוועהנליכען נוסח; און פערלאזט דעם וואס האט איהם געמאכט, און פעראכטעט דיא שטיינערנע וואנט וואס שיצט איהם נאכאנאנד. און דאן פאלגט א לאנגע ליסטע פון צרות וואס וועט איהם ענדליך טרעפען.

דער גרעסטער חכם צווישען מענשען — שלמה, זאגט: „אל תהי בסבאי יין בזללי בשר למו" (משלי כ"ג, 21).

ישעיה'ן האט זעהר געערגערט דער הרג בקר ושחט צאן אכל בשר ושתות יין אכל ושתו כי מחר נמות" און ער זאגט אן אז דיעזע זינד וועט ניעמאלס פער־געבען ווערען ביז צום טאג פון טויט (ישעיה כ"ב, 13-14).

וועגען דיא חבריה וואס פרעסען אלע שמוציגע שרצים, דריקט זיך ישעיה אויס אויף פאלגענדעם ארט: „אוכלי בשר החזיר והשקץ והעכבר יחדו יספו."

ווען דיעזער ערהאבענער פראפעט שילדערט דיא צייט ווען בלויז שלום און הארמאניע וועלען רעגיערען אין דער וועלט, זאגט: — וגר זאב עם כבש ונמר עם־גדי ירבץ ועגל וכפיר ומריה יחדו ונער קטן נהג בם; ופרה ודוב תרעינה יחדו ירבצו ילדיהן ואריה כבקר יאכל תבן (ישעיה י"א, 6-7) ער זאגט נאכהער ווייטער: — זאב וטלה ירעו כאחד ואריה כבקר יאכל תבן ונחש עפר לחמו: לא ירעו ולא ישחתו בכל הר קדשי אמר ד' (שם ס"ה, 25). דאס צייגט דאס אפילו בייזע חיות וועלען נאך ווען עס איז אויך ווערען ווענעטאריאנער.

דיא געשיכטע מיט דניאל, חנניה מישאל ועזריה (דניאל א', 4-11) איז אלע־מען בעקאנט. דיעזע עדעלע מענשען האבען געלעבט ווענעטאריאניש אין דיא גאנצע צייט וואס זייא זיינען געווען אין קעניגליכען שלאס. האבען ניט פערזוכט קיין בר־מנן, האבען זיך ערנעהרט בלויז אויף קערנער און עס האט זיך ענדליך ארויסגע־געוויעזען דאס זייא האבען אויסגעזעהן פיעל בעסער, שעהנער און זיינען געווען גע־זינטער וויא אלע אנדערע קינדער וואס האבען ניט אזוי וויא זייא געליעבט.

דיא תלמודיסטען וועלכע זיינען ניט געוועזן געגען דאס פלייש עססען, דריקען זיך אויך אויס מאנכע מאל פיר וועגעטאריאניזם. זייא פערטייטשען דיא פסוקים „רק בכל אות נפשך תזבח ואכלת בשר; כי תאוה נפשך לאכל בשר בכל אות נפשך תאכל בשר; און וזבחת מבקרך ומצאנך אשר נתן ה׳ לך כאשר צויתיך ואכלת בשעריך בכל אות נפשך,“ אויף פאלגענדער ארט:—הכתוב בא ללמד ד״א שלא יאכל אדם בשר אלא לתאבון, אל יקח אדם בשר מן השוק, ת״ל מבקרך ומצאנך, הא אין אדם אוכל בשר עד שיהא לו בקר וצאן, יכול לזבח כל צאן, ת״ל מ צ א נ ך.

פון דיעזע אלע פאקטען קען מען ארויס זעהן דאס דיא תורה ערלויבט ניט פלייש עסען אזוי לייכט וויא מאנכע דענקען. עס איז נור כ ל ו מ ר ש ט ערלויבט. נ ע ה י י ס ע ן האט עס דיא תורה געוויס ניט. פערקעהרט, אלע וועגען זיינען פאר דעם מיט אפענע אויגען און עדעלע געפיהלען, פערשטעלט. צו זיין גאנץ אפען כוז א יעדערער מודה זיין אז פלייש מן התורה איז נור ערלויבט פאר דעם בעל־תאוה־ניק, פאר דעם זולל־וסובא. צו פערוועהרען פלייש אין גאנצען איז אין דער צייט ווען דיא תורה איז געגעבען געוואָרען ניט געוועזן מעגליך, אזוי וויא עס איז נאך היינט ניט מעגליך. מענשען זיינען נאך היינט ניט פעהיג צו פערשטעהן דעם אמת און דיא וויכטינקייט פון וועגעטאריאניזם.

עס וועט נאך אבער א מאל קומען א צייט ווען דעם מענשען׳ס עסען וועט ניט זיין פערבונדען מיט דיא פערלעצונג פון דער געבאָט — לא תרצח! וועלכע דיא תורה פרעדיגט דיא ערשטע.

## ענדע פון ערשטען טהייל.

# לא תרצח

א ווערק איבער „וועגעטאריאניזם“ איבערזעצט פון זיין ווערק אין ענגליש ביי

# א. ה. פריינקעל.

## וואס איז „וועגעטאריאניזם“?

„וועגעטאריאניזם“ הייסט נים עסען קיין פליייש, פיש און אלעס וואס האט
אין זיך פריהער געהאט א געפיהלפאללען לעבען.

ווארום זאל מען נים עסען קיין פליייש?

איז פיש אדער פליייש געזונד פיר דעם מענשען?

וועלכע שפייזען זיינען יא געזונד פיר דעם מענשען?

דיעזע פראגען און נאך פיעל וויכטיגע אבהאנדלונגען וועט איהר ערפאהרען
ווען איהר וועט דורך לעזען דיעזעס בעריהמטעס ווערק.

## דער ערשטער טהייל „לא תרצח“

האט געמאכט זעהר א גרויסען ערפאלג ביי אלע אידען אין דער גאנצער
וועלט, דיא נאכפראגען זיינען אזוי גרויס אז איך האב בעשלאסען יעצט
ארויסצוגעבען דעם

# צווייטען טהייל „לא תרצח“

## דער צווייטער טהייל

איז זעהר אינטערעסאנט, וויכטיג און בעלעהרענד און איך האפפע אז דער
צווייטער טהייל וועט אהנע צווייפעל מאכען דעם גרעסטען סוקסעס ביי אלע
קלאססען לעזער.

דער ערשטער טהייל „לא תרצח“ קאסט 10 סענט.

דער צווייטער טהייל „לא תרצח“ קאסט 15 סענט.

ביידע טהייל צוזאמען שיק איך פיר 25 סענט פארטא פרייא.

צו בעקומען אין אללע בוכהאנדלונגען אויך ביים פערלעגער

# ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד ניו יארק.

# אוריאל

# אקאסטא

## א היסטארישער ראמאן

בעארבייטעט נאָך דיא בעסטע היסטאָרישע קוועלען פון

# יאהאן פאלייא.

## אוריאל אקאסטא

איז איינער פון דיא גרעסטע מענער וואָס אידען האָבען געהאט.

## אוריאל אקאסטא

איז איינער פון דיא גרעסטע דענקער און פהילאָזאָפען.

## אוריאל אקאסטא

איז געווען דער ערסטער און גרעסטער קעמפפער פון פאנאטיזמוס און אבערגלויבען.

## אוריאל אקאסטא

איז דיא גרעסטע דראמא וועלכע ווערט געשפיעלט אין דיא יעלט טהעאטערן.

## אוריאל אקאסטא

איז בעארבייטעט אין א ראמאן און איז דאָס גרעסטע מייסטערווערק אין דער אידישער ליטעראטור.

## אוריאל אקאסטא

איז בעארבייטעט נאָך דיא בעסטע היסטאָרישע קוועלען פון דעם בעריהמטען אידישען זשורנאליסט יאהאן פאלייא.

**דאָס גאַנצע ווערק קאָסט 10 סענט, מיט פאָרטאָ 12 סענט.**

פערלאַג פון

# ב. ראבינאוויטץ,

**398 גרענד סטריט, ניו יארק.**

## נאכדעם וויא איהר וועט דורכלעזען „אוריאל אקאסטא“ זאלט איהר קויפען און לעזען

# ברוך שפינאזא

דאס לעבען און דיא פערפאלגונגען פון דעם גרעסטען אידישען פילאזאף, פערוויקעלט אין אן אנציהענדען ראמאן, נאך בערטהאלד אויערבאך, פון ב. נארין.

**ברוך שפינאזא** איז איינער פון דיא וויכטינסטע פערזאנען אונטער אידען אָבער זעהר וועניג אידען ווייסען ווער שפינאזא איז געוועזען, און וואס איז בעשטאנען זיין פילאזאָפיע, ווארום האָט מען איהם ארייגעלייגט אין גרויסען חרם, ווארום פארגעטטערט מען איהם יעצט און נאך אזעלכע וויכטיגע זאכען. אלע יעצטיגע גרויסע פילאָזאָפען און דיא אמאָליגע האבען זיך בענוצט און זיך זעלבסט בעריהמט געמאכט שטודירענדיג און נאכאהמענדיג שפינאָזאס פילאָזאָפיע.

**בערטהאלד אויערבאך** וועלכער איז בעוואוסט אלס דער גרעסטער וועלט-בעריהמטער דייטשער שריפטשטעלער און ראמאניסט און אלס איינער פון דיא בעסטע שפינאָזאס היסטאָריקער האָט זיך מיט זיין ווערק „ברוך שפינאזא“ בעריהמט געמאכט און עס איז אנערקענט געוואָרען אלס דאס בעסטע ווערק פון דיעזען אונאיבערטראפענעם דייטשען שריפטשטעלער.

דיעזעס ווערק אין אידיש איז אזוי מייסטערהאפט דיא זעלטען שעהנע שילדערונגען זיינען אזוי בעצויבערענד אז ווען איהר לעזט דיעזעס ווערק דיינקט איהר אז עס איז געשריעבען אָריגינאל אין אידיש. דאס ווערק איז זעהר אינטערעסאנט און אנציהענד פון אָנפאנג ביז ענדע.

**דער פרייז פיר דאָס גאַנצע ווערק איז בלויז 20 סענט פארטא פריי.**

**דיעזעס ווערק ענטהאלט אויך שפינאָזאס בילד.**

**פערלאג פון**

## ב. ראבינאוויטץ.

## 398 גרענד סטריט, ניו יארק.

דאס דריטע ווערק פון

# באקאטשיא

דיא

# צווייא פארלאך

וועט איבערראשען יעדען לעזער

## אללע געגנער פון באקאטשיא

האבען צוגעגעבען אז דאס בעסטע ווערק וואס דער גרויסער קלאססיקער האט געשריעבען איז

## דיא צווייא פארלאך

דאס איז א ווערק וואס ענטדעקט דעם לעזער א בארג סודות פון דער מענשליכער געזעלשאפט

## דיא צווייא פארלאך

איז בעארבייטעט אין אידיש פון דעם גרויסען שריפטשטעלער ד. מ. הערמאלין.

אללע וועלכע האבען געלעזען

## „מאדאם באבעטא“ און „פאסקארעלא“

וועלען אהנע צווייפעל קויפען און לעזען

## דיא צווייא פארלאך

באקאטשיא'ס ווערק קאסטען צו 10 סענט פער עקזעמפליאר.

פערלאג פון

## ב. ראבינאוויטץ,

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

יי ב. ראבינאוויטץ, 398 גרענד סט., ניו יארק
איז דער איינציגער פלאץ פון אללע

# אידישע מוזיק

## פיר געזאנג פיאנא און וויאלין

פון דיא פאפולערסטע אידישע אפעראס און

## סקארבאווע נגונים

שולמית, בר כוכבא, דיא צויבערין (קאלדוניו), אחשורוש, מליץ יושר, ניהנום און גן עדן, עקדת יצחק, דוד׳ס פידעלע, קעניג ליער, רוססאטטאס דרייפוס מארטש, בליהמעלע, כוזרי, המן דער צווייטער, דיא עקידה, דער אידישער מארטירער, מן המצר, פעריאמערט פערקלאנט, מאררים ראזענפעלדס פאלקס־ליעדער, צונזערס אידישע פאלקס־ליעדער, גאלדפאדענס פאפולערע טהעאטער ליעדער, מאגולעסקא׳ס אמת אידישע קופלעטען, רייננאלדס ארבייטער ליעדער, א. ז. וו. א. ז. וו. סקארבאווע נגונים, דער אריגינעלער ארטהאדאקסישער כל נדרי, פון ה. א. רוססאטטא, ונתנה תוקף, בראש השנה, ברכת כהנים א. ז. וו.

---

פארערט נור דיא אבענענאנטע אידישע אפעראס ארראנזשירט בייא דעם בעריהמטען אידישען מוזיקער און קאמפאזיטאר

ה. א. רוססאטטא.

ווייל זיי זיינען ריכטיג ארראנזשירט און זעהר שעהן געדרוקט.

פערלאג פון

# ב. ראבינאוויטץ

398 גרענד סטריט, ניו יארק.

**B. RABINOWITZ, Publisher.**

**398 Grand Street, New York.**

שוין ערשיענען פון מיין פערלאג דיא גרעסטע
אידישע אפערא

# חורבן ירושלים

אין דער

# ציון מארטש

פון דעם בעריהמטען אידישען מוזיקער און קאמפאזיטאר

## ה. א. רוססאטטא

אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני. ירמיהוס קינות, הערצרייסענדע מעלאדיען, נגונים פון חורבן, טרויערליעדער נאכ'ן בית המקדש, אידישע מוזיק ביים כותל המערבי, אידישע נגונים ביי דיא טייכען פון בבל, אומעטיגע טענער וועלכע קענען דורכלעכערען דאס אידישעס הערץ „איכה ישבה", „נפלה עטרת ראשי", „אלי ציון" „שבת נחמו" און צום סוף

### א ציון מארטש

א ביסעל פרעהליכער, לעבעדיגער, מונטערער. אויפוועקענדיג אלע אידען פיר ציון און ירושלים אכת־אידיש מעלאדיש מיט פראכטפאלע בעגייסטערענדע ווערטער.

**דער גרויסער קאמפאזיטאר ה. א. רוססאטטא האט זיך זעלבסט איבערטראפען.**

עס איז איבריג צו ריהמען דיזע קאמפאזיציאנען יעדער איד וועט זעלבסט פערשטעהן אז „חורבן ירושלים" און דער „ציון מארטש" פון ה. א. רוססאטא זיינען פערלען אין דער מוזיקאלישער ליטעראטור.

דיא גאנצע אפערא צוזאמען מיט'ן „ציון מארטש"
פיר געזאנג און פיאנא פרייז $1.25
דיא גאנצע אפערא פיר וויאלין 50 סענט.

פערלאג פון

**B. RABINOWITZ, 398 Grand Street, N. Y.**

ב. ראבינאוויטץ, איז דער איינציגער פאבלישער פון אלע אידישע מוזיק פיר פיאנא און וויאלין.